STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05803

DI IDISHE DIKHTUNG IN AMERIKE BIZ YOHR 1916

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָלאָגיע

די אידישע דיכטונג אין אמעריקא ביז יאָהר 1919

צוזאַמענגעשטעלט פון זישע לאַנדוי

באַצייערט פון ז. מאוד

פאַרלאַג "אידיש"

ניו-יאָרק תרע״ט 1919

דיכטונג, די ראפינירסטע קונסט, ציהט צו זיך צו דעם פיינפיהלענדען גייסט און דעם אונענטוויקעלסטען, דעם ווייזען גרייז און דעם פארליעבטען יונגענמאן, וואס, ניט קענענדיג אפילו מיט ווערטער אויסדריקען זיינע געפיהלען, פרובט ער עס טאן אין פערזען און, שטענדיג, אהן אויסנאמען — אין גראמען. שרייענדיגע עפיטעטען, אונמעגליכע גוזמיות און איבערטרייבונגען כאראקטעריזירען די דאזיגע „דיכטונג“, וואס איז, אין תוך, ליגנעריש ווי יעדע גייסטיגע ארבייט, צו וועלכער עס נעמען זיך מענשען, וואס זיינען ניט בארופען דערצו.

עס איז דערפאר פארשטענדליך, וואס אין די קינדער יאהרען פון דעם אידישען ישוב אין אמעריקא, וואס איז באשטאנען פון די דערשלאגענסטע, ארעמסטע און אונענטוויקעלטסטע מענשען מיט א צומיש פון צוקראכענע, סענטימענטאלע נאראדאוואלצעס און „זיי א איד אין דער היים און א מענש אין דער גאס“ משכילים, האבען זיך פיעלע ניט בארופענע גענומען צו פערזען, אלס דעם פרימיטיווסטען מיטעל צו קענען אויסדריקען זייערע געפיהלען און העלפען „פארווערטס שטופען די פרייהייטס רעדער“, ווי עס האט זיך אויסגעדריקט דער טיפישסטער פארשטעהער פון יענער צייט — דוד ערעלשטאדט.

סאציאלע האפנונג און ליידען, זיינען געווען דאס איינציגע, וואס האבען אין יענער צייט פארנומען די אידישע גאס און ערשט שפעטער, נאך א פערטעל יאהרהונדערט האבען זיך געלאזען הערען נאציאנאלע טענער. ביז דעם אנפאנג פון אונזער יאהרהונדערט איז געווען א שאנדע צו שרייבן אנדערע לידער ווי סאציאלע.

ווי ביי אלע אונענטוויקעלטע מענשען, זיינען ביי זיי אלע פראָ־בלעמען אזוי לייכט צו לעזען, אלע סאָציאלע איבלען — ממש מיט דער האַנט אוועקצומאַכען.

הערט זיך צו, וואָס איך וועל זאָגען,
אויב איהר ווילט קיין קייטען טראָגען,
קומט אין אונזער פאָלק.
וואָס מיר ווילען, איז ניט פיעל ברייען
און פון שקלאַפען יאָך באַפרייען
דאָס אונטערגעדריקטע פאָלק.

דוד עדעלשטאַדט.

די, אויף וועמעס באַרד מען האָט זיך געלערנט שערען זיינען ניט געווען אזוי פיין פיהלענד און נאָך באהבה זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע „דיכטער“, וואָס זיינען אפשר אין יאָהרען געווען אוועקגע־גאַנגען פון דער קינדהייט, אבער וועלכע זיינען נאָך גייסטיג דאָרט געבליבען. מיט דער צייט ווערט די אַרבייט מעהר ספּעציאַליזירט, כאָטש דער קוק אויפ׳ן לעבען בלייבט דער זעלבער. דעם אויבען־אַן כאַרנעמען פריהער דוד עדעלשטאַדט און שפּעטער ראָזענפעלד. די ווירקונג פונ׳ם ערשטען איז ווייט אַריבער זיין אַנאַרכיסטישען קרייז און אויך איבער די גרעניצען פון אמעריקא. זיינע ליעדער האָבען געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די אידישע אַרבייטער מאַ־סען פון דער אַלטער וועלט. און דער רוהם פון מאָריס ראָזענפעלד גרייכט ווייט איבער די גרעניצען פון זיין אייגען פאָלק, — ער איז איבערזעצט געוואָרען אין די מעהרסטע שפּראַכען פון אייראָפּאַ.

עדעלשטאַדט שטאַרבט אין אַנפאַנג פון די נײַנציגער יאָהרען פון לעצטען יאָהרהונדערט. מיט איהם איז אָפּגעשטאָרבען דאָס אונ־באַהאָלפענע, נאַאיווע, וואָס האָט באַצייכענט די ערשטע טריט פון דער אידישער דיכטונג אין אמעריקא. מיט׳ן בלוט פונ׳ם הארצען האָט ער זיינע קינדישע פּערזען געשריבען, מיט אויפריכטיגקייט וועהען זיינע שורות; אבער, אויב אויפריכטיגקייט איז אַ נויט־ווענדיגקייט פאַר אַ טאַלאַנט, איז עס אָבער אַן איבעריגער באַלאַסט,

פאר א מענשען, וואס פארנעמט זיך מיט ליטעראטור און וועלכער האט קיין טאלאנט נים.

אין די יאהרען האט שוין מארים ראזענפעלד געלאזט זיך פיה־לען. אין די ענדע פון די אכציגער יאהרען זיינען שוין געווען פון איהם ערשינען צוויי קליינע זאמלונגען ליעדער. ער איז שוין פריי פון יענער נאאיוויטעט, וואס כאראקטעריזירט ערעלשטאדט'ען. א פעהיגער, גוטער בעל מלאכה ווארפט ער זיך אויף אלע זייטען. פאר איהם זיינען שוין סאציאלע איבלען, און שפעטער נאציאנאלע ליידען און האפנונגען, נים עפעס פערזענליכעס — ווי פאר ערעל־שטאדט'ען — נאר טעמעס. אנטי־סאציאל אין תוך, ווערט ער א דיכטער פון סאציאלע ליידען און האפנונגען. און אין דער זעלבער צייט, ווען ער באזינגט און דעקלאמירט וועגען דער אייביגקייט פון אידישען פאלק און צולאזט זיך מיט מעלאדראמאטישען פאטאס. וואס איז אזוי אייגען פאר איהם, וועגען דער שענהייט פון דער אידישער שפראך, באצייכנענדיג זי אלס זיין „בעסטען חלק, וואס איז איהם ליעב און הייליג”, קלאגט ער אויף דעם, וואס אידען אמע־ריקאניזירען זיך נים און וואס זיי ריידען אידיש און נים דעם לשון המדינה — ענגליש.

א לייכטע באקאנטשאפט מיט מארים ראזענפעלד'ס ליעדער ווייזען זיין אנטי־סאציאלען כאראקטער, נים קוקענדיג, וואס ער האט אזויפיעל אויף די טעמען געשריבען. אז די אלע „שטארקע” ווער־טער, וואס ער באנוצט אין זיינע סאציאלע ליעדער, זיינען נים מעהר ווי ווערטער, באווייזט דאס, וואס, ווען ער קומט צו סוביעק־טיווער ליריק האט ער בלויז טרערען, טרערען און נאך אמאל טרע־רען. און עס איז אונמעגליך צו גלויבען, אז דער דאזיגער מענש, וואס האלט זיך אין איין ווייקען אין טרערען, זאל באמת פארמאגען אזא קראפט. עס איז אבער נים קיין קראפט, עס איז בלויז פאזע, און נים פערזענליכע, נאר די פאזע פון דער צייט.

נאך וואס: פאר א דיכטער מיט א חוש פאר סאציאלען לעבען, זיינען געזעלשאפטליכע טעמען דאס זעלבע פאר איהם, ווי, לאמיר זאגען, ליעבע. ווי באזינגט א דיכטער די ליעבע? — ער ליעבט.

ער האט געליעבט אבער קיינמאל ניט, אז ער וועט ליעבען, אז ער קלייבט זיך צו ליעבען, אז ער איז זיך מכין צו ליעבען. הונדערטער געדעמאנסטראציעס זיינען אפגעהאלטען געווארען, מען האט גע־סטרייקט, זיי, אבער, האט קיין מאל מאריס ראזענפעלד ניט באמערקט, ניט באזונגען. — ער האט בלויז אויפגעפאדערט דעם עולם צו סטרייקען, צו דעמאנסטרירען, צו רעוואלטירען. ער איז געווען דער קאלטער גלאק און ניט קיין לעבעדיגער אנטיילנעמער.

און ריידענדיג וועגען מאריס ראזענפעלד'ן, מיין איך ניט בלויז איהם, נאר אויך אלע זיינע צייט גענאסען, פון וועלכע ער און באוורשאווער זיינען די וויכטיגסטע.

און ווי קאמיש עס זאל ניט קלינגען, איז עס פארט אן אמת: מיר האבען קיין סאציאלע און נאציאנאלע דיכטונג ניט, אויסער קליינע אויסנאמען און דאס, אם מייסטען, פון די לעצטע יאהרען. וואס עס איז יא געווען, איז אט וואס: די נאציאנאלע און סאציאלע באוועגונגען האבען ביי זיך געהאט גראמען דעפארטאמענטען.

אן אויסנאם איז געווען אברהם ליעסין. ער איז אהער געקומען אין מיטען פון די ניינציגער יאהרען. דער סאציאליזם איז געווען פאר איהם מעהר ווי א טעמא, וואס פאסט, אז א גענאסע זאל זיך דערמיט פארנעמען. דאס איז געווען זיין גלויבען, זיין אידעאל. אין דעם איז ער געווען עהנליך אויף דוד עדעלשטאדט'ען, מיט'ן אונטערשיעד, וואס ער איז געווען אלזייטיגער, טיפער און דער עיקר — געהאט מעהר טאלאנט. צוזאמען מיט דעם, ווי די באוועגונג איז ארויסגעקראכען פון די קינדער־שיכלאך, האט ער אלץ זעלטענער און זעלטענער גענוצט די פערזען פארם.

* * *

די געשיכטע פון דער אידישער דיכטונג ביז'ן אנפאנג פון היינטיגען יאהרהונדערט, איז אייגענטליך די געשיכטע פון אן עפיזאד אין דער ארבייטער באוועגונג. די אלע דיכטער פון דער ערשטער פעריאדע, ניט קוקענדיג, וואס זיי האבען אויך געשריבען אויף סוב־

יעקטיווע טעמעז זיינעז אַ טייל פון דער אַרבייטער באַוועגונג שוין פּשוט דערפאַר, וואָס זייער גאַנצע ענערגיע איז געגאַנגעז נאָך איהרע דירעקטיווען, און וואָס די אַרבייטער־מאַסען זיינען געווען זייערע איינציגע לעזער און אונטערשטיצער. די אידישע בירגערליכע וועלט איז געווען פאַרנומען מיט אַרויפאַרבייטען זיך און אין איהר עצם — אַסימילאַטאָריש.

אין דעם אַנפאַנג פון דעם היינטיגען יאָהרהונדערט האָט די דאָזיגע פּאָעזיע דערגרייכט איהר העכסטען פונקט אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען זיך גענומען באַווייזען נייע פּנים׳ער, וואָס האָבען פאַראויסגעזאָגט נייע צייטען.

יהואש, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגען, האָט זיך גענומען עפּטער און עפּטער באַווייזען. ער האָט צוגעצויגען צו זיך אַלץ מעהר אויפמערקזאַמקייט פון דעם באַלעבאַטישערען קלאַס לעזער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען דאָ, און פון די אַריבערגעקומענע, וואָס זיינען געווען אָנגעהויכט פון דער אידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד. ראָזענפעלד׳ס וואולגאַריטעט האָט אַלץ מעהר אָנגעהויבען אָפּצושטויסען פון זיך. די אידישע דיכטונג האָט אָנגעהויבען ווערען ניט קיין מיטעל, נאָר אַ ציעל פאַר זיך. עס האָבען זיך גענומען הערען נייע טענער, מען האָט זיך מיט מעהר אכטונג אָנגעהויבען צו באַציהען צו דער אידישער שפּראַך. עס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען סמנים פון נייע פאָרמען. יואל סלאָנים, האָט מיט זיך געבראַכט עפּעס נייעס, עפּעס אַ נייערען טאָן. אָבער דאָס איז געווען בלויז אויסערליכעס, ניט אָרגאַנישעס. קיינמאָל האָבען זיך ניט באַוויזען אַזויפיעל דיכטער, קיינמאָל האָט מען ניט געשריבען אַזויפיעל לידער ווי אין די יאָהרען 1900 — 1906. דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון די אַלע דיכטער איז געווען, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעלערנט, אין פאַרגלייך מיט די פריהערדיגע יאָהרען, צו שרייבען גלאַט. עס האָט זיך געפיהלט, אַז עס איז אַן איבערגאַנגס צייט. דער כאַראַקטעריסטישער פאָרשטעהער פון יענער איבערגאַנגס־צייט איז ה. רויזענבלאַט, אַ פּנים־לאָזער פערזען־מאַכער.

יהואש'ס נאמען האלט דערווייל אין איין וואקסען. אויב ראַזענפעלד איז געווען דער דיכטער פון די עמיגראַנטען פון די אכציגער און די שפּעטערע יאַהרען פון לעצטען יאַהרהונדערט, ווערט יהואש דער דיכטער פון דער ענטוויקעלטערער, נאַציאָנאַלערער אידישער יוגענד, וואָס האָט אנגעהויבען אריינצוואַנדערען נאָך „קישינאָוו". געלאַסענער, קעלטער, אנשטענדיגער, פאַראַנטוואָרטליכער פון ראָזענפעלד'ן, אבער מיט אַ באַשריינקטען טאַלאַנט, באַציהט ער זיך מיט ווירדע צו זיין באַרוף. ער איז דער אַנזאָג אויף ל י ט ע ר א ט ו ר.

דאָך אין דער צייט, ווען יהואש האַלט אין איין וואַקסען, געהט ער אבער פאַרביי אַהן ווערכער ניט איז ווירקונג אויף דעם אינגערען דור שריפטשטעלער, וועלכע האבען נאָך אַ פּאָר יאָהר אַרומבלאַנזשען זיך געגומען גרופירען, אַרויסגעבען זאַמעלביכלעך און ביכער און וועלכע זיינען שפּעטער באַקאַנט געוואָרען אונטער'ן נאָמען די „יונגע".

ניט קיין שולע, ניט קיין ריכטונג האָט צוזאַמענגעבונדען די אַלע, וואָס האבען זיך גרופירט אַרום די זאַמעלביכער. זייער ציעל איז געווען: די דיכטונג אַז און פאַר זיך. און ווען זיי האַבען מיט געמיינזאַמע קרעפטען, נאָך אַ פּאָר יאָהר פון קעמפען און אויסגעלאַכט ווערען, דערפיהרט די אידישע דיכטונג צו אַ מדרגה, און דער עיקר זיך — צו דיכטער, איז זיך יעדער אָוועקגעגאַנגען זיין וועג, און יעדער פון זיי באַזונדער טראָגט צו ז י י ן חלק צו דער אידישער דיכטונג ווי עס טוען די וואָס זיינען נאָך זיי געקומען. יעדער לויט זיין טאַלאַנט און זיין טעמפּעראַמענט. זיי האָבען געגעבען דער אידישער דיכטונג אַ פּנים, זיי האָבען זי ברייט געמאַכט, וואָרים ניט פאַרשמעלערען, נאָר ברייטער צו מאַכען די אידישע דיכטונג איז געווען אין דעם עצם פון זייער ערשיינונג.

* * *

איך האָב זיך באַמיהט — און לויט די אומשטענדען איז עס מיר מעהר אדער ווייניגער געלונגען — צו געבען אין אָט דער זאַמלונג אַ בילד פון דער אידישער דיכטונג אין אַמעריקאַ; אַ בילד פון דעם,

וואס אז אפגעריסענער טייל פון אידישען פאלק האט באשאפען אין א משך פון א פערציג יאהר אין זיין ניי געווארענער היים.

איך האב ניט געקוקט אויף פאפולאריטעט, בארימטקייט. אין דאך, נאך אלעמען, טיראזש ניט קיין צייכען פון טאלאנט. זאל זיך פרעהען דער פארלעגער, ווען זיינס אז אויסגאבע צוגעהט זיך גוט. און די מיינונג פון א קריטיקער איז גאר נישט ניט ווערט, אויב דער דיכטער, וואס ווערט פון איהם געלויבט, געהט פארביי ניט איבער־לאזענדיג קיין איינפלוס אויף זיינע צייטגענאסען און דער עיקר אויף דעם קומענדען דור דיכטער.

איך בין ניט צוגעגאנגען צו מיין ארבייט פון היסטארישען שטאנדפונקט, שוין פשוט דערפאר, וואס דרייסיג יאהר זיינען ניט קיין היסטאריע, ווען אפילו פיעלעס, וואס איז דורך דער צייט געטאן געווארען, מעג שוין איצט זיין היסטאריש. עס איז אין בעסטען פאל אן עפיזאד.

מיר האט זיך אויך אויסגעדאכט, אז צוגעהן צו מענשען, וואס האלטען אין מיטען פון זייער טעטיגקייט פון היסטארישען שטאנד־פונקט, איז א באליידיגונג — זיינען דאך די, וואס האבען געלייגט, אדער געהאלפען לייגען די ווינקעל שטיינער פון דער אידישער דיכ־טונג אין אמעריקא, מענשען אין די בליהענדסטע יאהרען. זיי שרייי־בען איצט פיעל בעסער — אלענפאלס ניט ערגער — ווי אמאל. דאס, וואס זיי געהען איצט פארביי אונבאמערקט, באווייזט בלויז, ווי דין עס איז געווען דער געשמאק פון זייערע לעזער און קריטיקער, וואס האבען שיער ניט פאר זשעניען פארשריען מענשען, וואס מען קען ביים בעסטען ווילען, ניט אפזאגען געוויסע פעהיגקייטען.

איך האב געזוכט אין דער אידישער דיכטונג, צו אלעם ער־שטען, דאס לעבעדיגע אונמיטעלבארע ווארט. איך האב געעפענט ברייט מיין אנטאלאגיע פאר יעדער ריכטונג, שולע, באוועגונג, וועלכע זיינען, אגב, ביי אונז ניטא, ווי ביי יעדער ליטעראטור, וואס האלט זיך ערשט אין ענטוויקלען. און האב געגעבען פלאץ פאר ליעדער, וואס זיינען געשריבען אין א מאדערנער פארם און אין דער זעלבער צייט געזוכט אזוינע, וואס האבען כאטש שוואך דערמאנט

די אלטע מייסטערס פון דער דיכטונג.

ווי לייכט איז עס געווען אריינגענומען צו ווערען אין דער אנטאלאגיע! פאר דער גאנצער צייט, וואס עס ווערט געשריבען אידיש אין אמעריקא, האבען זיך קוים עפעס מעהר ווי הונדערט מענשען פארנומען מיט שרייבען פערזען. א גרויסער טייל פון זיי, האט אליין געקוקט אויף דעם ווי אויף א צייט פארטרייב, אנדערע זיינען פארגעסען געווארען צוזאמען מיט'ן טאג, ווען זייערע פערזען זיינען ערשיענען, — דאך האב איך אנגעקליבען קנאפע דרייסיג נעמען: ווען מען האט אין זינען, אז אין שפראכען וואו טויזענדער פארנעמען זיך מיט לידער געהען אין אנטאלאגיעס געוועהנליך ניט אריין מעהר ווי א פאר צעהנדליג, קען מען ערשט זעהן, ווי ווייניג עס האט זיך געפאדערט אריינגענומען צו ווערען.

די וואס זיינען ניט אריינגענומען געווארען, האבען ניט געהאט פארוואס אריינגענומען צו ווערען. מעגליך, אז איך בין צו פיעלע געווען לפנים משורת הדין, אבער אונגערעכט צו קיינעם ניט.

* * *

עס איז נאר דא איין אידישע דיכטונג. צוליעב טעכנישע אורזאכען האב איך זיך אפגעשטעלט — אויף דערוויל — אויף אמעריקא. די אידישע דיכטונג איז מייסטענס צעווארפען אין צייטשריפטען און שווער איז זי צוזאמענצוקלייבען פון דער ווייטענס.

עס איז ניט געווען אזוי לייכט צו באשטימען, ווער עס דארף יא און ווער ניט אריינגעהן „אין דער אידישער דיכטונג פון אמעריקא“. פיעלע וואס האבען אנגעהויבען זייער ליטערארישע טעטיגקייט אין אנדערע לענדער זיינען אהער געקומען. אבער ניט אלע קענען צוגערעכענט ווערען צו א מ ע ר י ק א. איך האב דערפאר אריינגענומען בלויז אזעלכע, וואס זייער פיזיאנאמיע האט זיך ערשט דא ענטוויקעלט און אויסגעלאזען די, וואס זיינען אנגעקומען אהער מיט א פארטיגער ליטערארישער פיזיאנאמיע.

ז. ל.

מאי, 1919.

אנטאָלאָגיע



אפרים אויערבאך

צווישען בערג.

שמאלע שטעגלעך צווישען פעלזען
און די בערג אלץ העכער שטייגען,
ווילדע גראזען, קליינע בוימער,
זון און דארע צווייגען.

בריהט די זון און בריהען שטיינער,
ווערט אלץ הייסער, ווערט מען מידער,
זוכט מען שאטען, רוהט מען ערגעץ
געהט מען, געהט מען ווידער...

קומט פון ערגעץ אנ׳אראבין,
אויף דעם קאפ — א גרויסע דזשארע,
בעט מען וואסער : — „עה, חאוואדזשע,
פי מאסארי ?...

שמאלע שטעגלעך צווישען פעלזען
און די בערג אלץ העכער שטייגען,
ווילדע גראזען, קליינע בוימער,
זון און דארע צווייגען...

אויף די גליל'ער ווייסטע וועגן...

אויף גליל'ער וויסטע וועגן,
בערואינער שבטים וואגלען;
עסען זיי פון פעלד די גראזען,
טרינקען וואסער פון די לאנלען.

ווען עס פאשען אפ די סטאדעס
אויף א בארג די גרויע גראזען,
דארף מען ביידלעך נאר צונעמען
און אין וועג אריין זיך לאזען.

ציהען לאנגע קאראוואנען
יאהר נאך יאהרען אויף די וועגען,
ברענט די הייסע זון דאס פנים,
וואשט דאס לייב דער קאלטער רעגען.

און אין פורפורנע פארנאכטען
זיינען רויט די בערג געצונדען,
און עס דוכט זיך, אז פון ערגעץ
טריפט דאס בלוט פון טויזענד וואונדען.

שפרייטען זיי די שווערע מאנטלען,
בויגען זיך פאר גאט און קניהען
און, צו מערב די געזיכטער,
ברענען פייערדיג און גליהען.

קלאפּען זיי די ברוינע שטערנס
און די אנגעגליטטע שטיינער,
ביז די זון ווערט ניט פערשוואונדען
ריהרט זיך פון זיין ארט ניט קיינער...

ציהט א קאראוואן קעמלען.

ציהט א קאראוואן פון קעמלען
אויף דעם וועג פון ים המלח,
שטומע, שטרענגע בעדואינער
גערען נאך פאמעליך.

און די קעמלען — אהן די גלעקער,
ס'קענען הערען די חאיאלען,
ס'איז דאס זאלץ פון ים גע'גנב'עט,
קען מען זיי בעפאלען...

וויל ווער מיט'ן צווייטען ריידען,
מוזען זיי זיך שטומע סוד'ען,
און די זעקלעך אויף די קעמלען
הוידען זיך און הוידען...

שטעהט אן אלטער בוים...

שטעהט אן אלטער בוים. צוּאוואַקסען
זיינען זיינע קרומע צווייגען,
זיצען דאָרטען די אַראַבער
אנגעשפּאַרט ביים בוים און שווייגען.

ווער עס זופּט זיין שוואַרצע קאַווע,
זופּט און רויכערט זיין נאַרגילע,
ווער עס קלאַפּט אן דער ערד זיין שטערען,
קלאַפּט און ברעננט פאַר גאָט זיין תפלה.

ווערט דער אָוועגד טונקלער, קיהלער
און אַ ווינד קומט אן פון צפון,
הויקערט מען זיך איין אין רייען,
נעהט מען אין די שטיבלער שלאָפען.

ראובן אײזלאַנד

די גאַס איז שוואַך באַלויכטען...

די גאַס איז שוואַך באַלויכטען,
און מענשען געהן ניט פיעל.
פאַר די וואָס געהן אין גאַס נאָך,
איז געהן אין גאַס דער ציעל.

איך שטעה ביים פענסטער נאַקעט,
און וויים ניט, וואָס מיר איז:
איך קיהל אין שויב דעם שטערען
און ס'ציטערען מיר די פיס.

וואָס איז דען נאָך...

וואָס איז דען נאָך פאַרבליבען אונז פון לעבען? —
אַ שטילער שרעק, אַ בענקשאַפט אין די אויגען,
און פון דער בענקשאַפט — בלויז אַ שוואַכער ציטער,
וואָס איז מיט ווייסע נעבלען ווי פאַרצויגען.

ווי קליינע קינדער זיצען מיר ביי טאָג און וואַרטען,
אַז עמיצער זאָל אונז וואָס עפּעס געבען.
ביי נאַכט מיר האָרכען נאָר ווי שטיל עס געהט דער אָטעם,
און ציטערען פאַר אונזער שטיקעל לעבען.

און ווען ס'באַווייזט אַ שטראַל זיך אין'ם פענסטער,
דאַן וואַרעמען די רוקענס מיר, ווי קליינע קעצלאַך, שטילע.
און פאַלט דער אָוונד צו, פאַרקלייבט מען זיך אין ווינקעל,
ווי שרעקענדיגע קליינע קעצלאַך שטילע.

פון ווייטענס קלינגען נאָך די טריט...

פון ווייטענס קלינגען נאָך די טריט פון מיינע נאָהענטע חברים.
איך קעהר זיך אום אין שטוב און לאָז די פינסטערניש פון הינטען,
און פאַר מיין אויג זיך שפּיעלט דער שוואַכער שיין פון ליכט,
וואָס ברענט דאָרט איינזאַם אין מיין שטילען צימער.

און אין'ם ווינקעל לויערט דאָרט דער אומעט.

און ווידער זיץ איך ביי מיין טיש אליין, און ביים דעם קליינעם פינגער.
דער טיש איז שוואַך באַלויכטען. פאַר זיך, ווי פאַרלאָרען, ליגט מיין פען.
און קאַלט און שטום קוקט דורך דעם פענסטער אַלץ אין איינעם די לבנה,
און קאַלט און שאַרף דאָרט גרילצט דער היישעריק אין גראָז.

און אין'ם ווינקעל לויערט דאָרט דער אומעט.

עס עפֿענט זיך די טיר. און זי, אין לײַכטע מאַנטעל אײַנגעהילט,
קומט צו צו מיר און לייגט ארויף איהר האַנד מיר אויפ'ן שולטער.
און גלעט מײַן קאָפּ און רעדט צו מיר אַזעלכע גוטע ווערטער. —
נאָר דרויסען גרילצט און גרילצט דאָרט אַלץ דער היישעריק.

און אינ'ם ווינקעל לויערט דאָרט דער אומעט.

מײַן בעט איז ברייט...

מײַן בעט איז ברייט, גענוג פאַר דרייענס וועגען,
און גרוים די שטוב, ווי נאָר ארומצופאַהרען.
אין דרויסען גיסט פון מיטען טאָג אַ רעגען,
ליג איך אַליין און פיהל זיך ווי פאַרלאָרען.

די גרויע ווענט באַהאַנגען מיט פאָרטרעטען.
מיט מאַטען ליכט איז אַלץ ארום באַגאָסען.
איז אומעטיג. און ס'פיהלט זיך ווי צו בעטען.
נאָר ס'האַרץ איז שטום, און ס'מויל איז צוגעשלאָסען.

ביים ים.

דער ים אַ גלאַנציגער, אַ שטאָלענער,
ווינגט רוהיג זיך אין שיין פון דער לבנה,
און קאַלטער, גרינער שיין ליגט אויף דער גאַנצער געגענד.

אין זאַמד פאַרשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

א קאַלטער ליגט דער ים.
א שטילער וועהט דער ווינד.
און קאַלט און שארף צוטראַגט זיך אומעטום
דער זשום פון ווייסען שוים.
וואָס שלאָגט זיך אַן אַן ברעג.

אין זאַמד פאַרשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

פון ווייטענס שטעהט א הויז אליין
און שווארצט זיך אין דער נאַכט אריין.
אין גאַנצען מיט זיין דאַך
און מיט זיין קרומליך צוגעשפּיצטען שאָטען,
און מיט דעם אומעטיגען קוק
פון זיינע שווארצע פענסטער.

אין זאַמד פאַרשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

און בראָדזשענדיג אין זאַמד געה איך אליין.
א לאַנגער גערהט פאַראויס פאַר מיר מיין שאָטען.
און הינטער מיר דער שרעק פון מיינע טריט.

אין זאַמד פאַרשאָטען ליגט דער ברייטער וועג.

א שטילער וועהט דער ווינד.
א קאַלטער ליגט דער ים.

און אומעטיג פאַרבענקטע טרעטען
מיינע טריט אין זאַמד.

אין צווייטען צימער שלאָפען.

אין צווייטען צימער שלאָפען ווייב און קינדער.
אַ שטילע ווארימקייט וועהט איצט פון דארט ארויס.
אַ שווייגענדיגער דרעה איך זיך אַרום אין הויז,
עס איז די צייט מיין אייגענע אצינדער.

דער קאָפּ ווערט לייכט און אין מיין הארצען שטילער.
דער זייגער בלויז ער קלאַפּט און לאָזט מיך ניט צו רוה.
געה איך אריין אין צווייטען צימער, שפּאַר זיך צו:
און ליג אזוי ביז ס'ווערט מיין הארץ אויך שטילער.

איך ציה דאָן אויס אַ האנד און לעג זי אונטער
צו קאָפּענס מיר, און טראַכט פון גאָר ניט שעה'ן לאַנג.
אַ ווײַלע שטיל, און דאָן אַן אָפּגעהאַקט געזאַנג.
און נאָכדעם שלאָף איך איין און פיהל אין שלאָף זיך מונטער.

די פישער שלעפּען שווערע נעצען...

די פישער שלעפּען שווערע נעצען פונ'ם ים.
די זון געהט אויף פון וואסער פייערדיג און גרויס.
צוויי מעוועז פליהען, שרייענדיג פון וואלד ארויס.
מיט שלאָף נאָך אין די טריט אַ מיידעל געהם צום ים.

די מעוועז שרייען ווילד און פליהען אין דער הויך.
גם שטעהט אַ שורה טריט אין גלאַנציג-פייכטען זאמד:
פון וואסער שטייגט ארויס אַ נאַסע, ווייסע האנד.
די מעוועז שרייען ווילד און פליהען אין דער הויך.

איבער אַלע דעכער.

איבער אַלע דעכער,
הענגט אַ שטילע נאַכט
אַנגעלעהנט ביים פענסטער
שטעהט מיין קינד פאַרטראַכט.

שמעלט זיך אויף די פינגער
קוקט און קוקט ארויס,
זיין געזיכט ווערט בלאַסער,
און די אויגען גרויס

זיינע בלאָנדע לאָקען,
קרייזלען זיך אין ווינד. —
וויים איין גוטער גאָט נאָר,
וואָס עס זעהט מיין קינד.

מיר זיינען ביידע אַלט...

מיר זיינען ביידע אַלט.
צוויי אַלטע לייט, מיט מאַטע, וועיכע אויגען.
ביים פענסטער זיצען מיר. דער טאָג איז שעהן. נאָר לייכט פערצווינען
איז דער הימעל מיט דינע, ווייסע וואָלקענס.

זי זאָגט : העי, אַלטיטשקער, ס'ווערט קאַלט.
מאַך צו דעם פענסטער און טו זיך אָז דעם ווארימען כאַלאַט. —
איך זיץ און רויכער רוהיג מיר די ליולקע, לעז אַ בלאַט,
און טראַכט : ווי אייביג נאַריש בלייבען דאָס די פרויען.

דער זייגער קלינגט.
און זי, זי דרעהט זיך אום און קוקט זיך איין
מיט לאַנגע בליקען אין דעם ציפער־בלאַט, ווי שפּעט ס'קען זיין,
כאָטש קלאָר און העל דער זייגער צעהלט די שעה'ן.

— שוין שפּעט אַזוי. ווי ס'לויפט דער טאָג
אַ ציה די שמאָלע אַקסלען, און ס'פאַלען מיעד די הענד אין שויס.
און מיר ווערט פּלוצים קאַלט, איך בויג דעם קאָפּ אַרויס,
און זעה ווי ס'רויטלען זיך די דינע, ווייסע וואָלקענס.
און כ'ווייס אַז ערגעץ לויערט שוין די נאַכט. — —

וואָס דרעהט זיך אַלץ פאַר אונז...

וואָס דרעהט זיך אַלץ פאַר אונז דאָס קרענקליך בלאַסע מיידעל ?
און נאָר זי שפּיעלט זיך מיט דעם בענדעל אויף איהר פלאַכער ברוסט'
און שמייכעלט אַזוי קרענקליך, מיד און האָרכט און היט
מיט איהרען הונגעריגען בליק יעדען ריהר,
אויף מיין און דיין געזיכט ?

וואָס דרעהט זיך אַלץ פאַר אונז דאָס קרענקליך בלאַסע מיידעל ?
און כאַפּט זי אויף אַ שאָטען פון אַ שטיל געזאָגטען וואָרט,
צוקרימט איהר דינע ליפּ זיך אַזוי מאָדנע בייז און מיד,
און אָטעמט טיף און ענדיגט מיט אַ זיפץ,
ווי ס'וואָלט איהר עמיץ שטאַרבען ?

וואָס דרעהט זיך אַלץ פאַר אונז דאָס קרענקליך בלאַסע מיידעל ?...

פון דרויסען שמעקט...

פון דרויסען שמעקט מיט פריש געשניטענע היי,
און דאָ איז קיהל און גוט צו זיצען,
אַזוי ניט טראַכטענדיג צו זיצען.
די הענד פאַרלעגט, דעם קאָפּ אַ ביסעל אָנגעבויגען.
און מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגען,
זיך איינהערען ווי שטיל עס ווײנט מיין הארץ אין מיר,
ווי גוט עס ווײנט מיין הארץ אין מיר,
אַזוי זיך גלאַט עס ווײנט.
שטיל און גוט.

כ׳ליג ביים ים...

כ׳ליג ביים ים אַ שלעפריג מידער, איינגערעקט מיט זאמד.
ס׳געהען מענשען מיר צוקאָפּענס, ס׳פאַלען אויף מיין האַנד.
שאָטענס אומגעלומפּערט לאַנגע געהענדיג פאַראויס.
אין דער ווייט, ווי פון אַ נעבעל, קוקט אַ שיף אַרויס.

כ׳ליג און מיינע אויגען־דעקלאַד ווערען מאַדנע שווער.
שלאָף איך איין ? צי בין איך וואַך נאָך. כ׳ווייס דאָס שוין ניט מעהר.
כ׳הער אַ שטים, וואָס רעדט פון ווייטענס. כ׳הער דעם ים ביים ברעג.
און מיר דאַכט אַ שטילע כוואַליע טראָגט מיך וואו אַוועק.

אזוי, אזוי, די יאָהרען געהען...

אזוי ! אזוי ! די יאָהרען געהען און איך ווער אַלט.
איך האָב דאָס היינט געפונען אויך א שער־בלאַט פון אן אַלטען בוך,
אז באַלד און איך וועל ווערען דרייסיג יאָהר.

איך ווינש מיר כ׳וואָלט געוועזן שוין אַלט.
איך וואָלט מיר דאָן געקויפט א גראָבען שטעקען.
און אפשר גאָר א טאַבאַק־פושקעלע צום שמעקען.
און וואָלט ארוים אין גאַס, געזעצט זיך ביי דער טיר,
באַטראַכט א יעדען איינעם און געלאַכט אין מיר,
אויף אַלע די, וואָס יאָגען איילענדיג זיך פאַרביי
און האָבען גאָר קיין צייט ניט: א קוק, א לויף, א שפיי,
און וויטער זיך געיאָגט צו אַלדי גוטע יאָהר.

און אפשר גאָר,
וואָלט איך דאָס אויכעט ניט געטאָן.
נאָר כ׳וואָלט זיך פשוט גאַנץ אזוי געלאָסען,
געגאַנגען מיר שפּאַצירען אין די גאַסען,
די הענד פאַרלעגט אהינטער אויפ׳ן רוקען,
א ביסעל איינגעבוקט. בנעימות׳דיג נאָר קוקען,
ווי שטיל, געלאַסען, ס׳טרעטען אויף די שטיינער,
מיינע אַלטע ביינער,
טראַט נאָך טראַט,
טראַט נאָך טראַט.

אוי, גרויסער גאָט אין הימעל.

אוי, גרויסער גאָט אין הימעל,
שענק מיר רוה.
זאָל זיין אין זאַמד, זאָל זיין אין שטויב,
נאָר לאָמיך איינמאָל זיין שוין טויב
פאַר אַט דעם גאַנצען טומעל.

איך בין שוין מיד.
מיט לייב און לעבען מיד.
פון גרויע טעג, פון נאַריש לאַנגע רייד,
פון פוסטע תאוות, איינגערעדטער פרייד,
פון אַלצדינג, וואָס איך טראַכט און טו. —
אוי גרויסער גאָט אין הימעל,
שענק מיר רוה !...

אב גורין

נאכטליכע שעה'ן.

דו רויכערסט און וויגסט זיך א שטומער אין שטול,
ווען עפּעס פאַרוויגט זיך אין דיר אזוי זאכט, —
די נאכט קומט דאָך אָן.
דו קרייזעלסט דעם רויך און באַוואונדערסט ווי גוט
עס איז אינ'ם צימער. עס פליסט דורך דיין בלוט
פאַרגינונג און פרייד צו דער פרידליכער נאכט,
צו די פאַרביגע נאכטליכע שעה'ן.

דער טאָג איז א הארטער, א בייזער געווען,
דאָך לעסטער ניט איצט און זיי פרעהליך א מאָל,
די נאכט קומט דאָך אָן : —
דער טאָג ברענגט באַגינען נאָר זאָרג צו דיין טיר,
פאַרלעשט זיך דער טאָג — ברענגט די נאכט באלד צו דיר,
א טיעף־בלויען הימעל און שטערען אָהן צאָהל,
און פאַרביגע נאכטליכע שעה'ן.

ביים טויט פון קינד.

1.

איך ווייס נים.

איך ווייס ניט ווי אזוי איך האב צום בעט געטראָפּען,
איך פלעג ניט שלאָפענדיג דורכזיצען נאַכט נאָך נאַכט,
און גראַד אין יענער חושכ'דיגער, לעצטער נאַכט,
ניט אויסגעטונערהייט א ווארף געטאָן זיך שלאָפען.
א זיסער שלאַף געוועז, געמישט מיט פרייד און מיט געזאנגען
ווי ס'וואלט א חתונה אין הויז געוועז ביי מיר:
איך האב געטאנצט, געלאכט, ביז פלוצים איבער מיר,
האט זיך דאס אלץ צומישט מיט גרילצענדיגע קלאנגען.
און אויף מיין קאָפּ האט עמיץ שרייענדיג געהאמערט,
און מיך ביים האנד געשלעפּט, געוויזען מיר אויף וואס,
כ'האב זיך א ריס געטאָן — — זי, האט געטוליעט וואס
און אין דער מארגען־גרויקייט שטום אזוי געיאמערט.

2.

מארגען־גרוי...

מארגען־גרוי איילט זיך אוועק מיט זיין רויב,
ערגעץ א פערדעל צום וואגען שפאנט ווער,
געהט אינ'ם פעלד און באצייכענט דעם טוי.
ביידע מיר ווארטען צובראכענע צוויי
און וויינען ניט מעהר.
באלד וועט זיך שטעלען דאס פוהרעל אין גאס,
ס'הענגט דאך אין פענסטער דער טאג אזוי גרויס,
טראג ניט קיין צער פאר זיין ליכטיגען שיין.

ווען ס׳וועט זיך הערען א שטילער געוויין
ארום אונזער הויז.
ברייטליך וועט ווערען צועפענט די טיר,
רויש מיט געוויין וועט פול מאכען דאס הויז,
רופען וועט עמיץ און ווייזען דעם וועג,
שווייגענדיג וועלען מיר ערגעץ אוועק
און ס׳פוהרעל פאראוים.

שלאפען געהען.

איצט בין איך מיט מיין ליעבען, גוטען שלאף צוזאמען,
זעהט, מענשען — איהר פארשטעלטע און איהר אפענע שונאים,
איהר אלע, וואס פארגינט מיר ניט מיין רוה, מיין לעבען,
ווי ליכטיג ס׳ברענט א פרייד איצט אויף מיין ברוינעם פנים,
ווען כ׳גרייט מיר אט דאס קארג געלעגער צו, —
עס איז דער שלאף, וואס וועט מיר ברענגען רוה.

שלאף נעמט ארום מיט מוטער־פרייד מיין מידען קערפער,
(מיר פונ׳ם געהן צווישען אייך אין הויז און גאסען)
און גלעט אזוי מיר אוים די מידע גלידער מיינע, —
איצט שפאסט פון מיר, איהר ווילט, קענט איהר מיך איצט אויך האסען:
אט נעם איך און איך לעג זיך מיט מיין שלאף אין בעט
און ס׳לייטערט זיך מיין בלוט אין זיסער רוה ביז שפעט.

אין פינסטערע נעכט.

איך בלאנזשע אפט אין א לבנה'לאזער נאכט,
אין שטילע, פינסטערליכע נעכט
א שווייגענדיגער,
צוריקגערוקטער אין זיך...
איך בלאנזשע אין א לבנה'לאזער נאכט
שטיל שווייגענדיג, ווי דער באגעהר,
און א פארבליקטער, ווי די שנאה...

צאַפֿראַנען

געץ פון געלען אר.

געץ פון געלען אר —
קאפריזען יאגען פון דיין נאז!
עס הערט דער באהנגען קאראהאר קיינמאל נים אויף,
נאר שרומפפט בלויז איין נאך האלבע נאכט. —
און רוקט זיך קוים א פרישער טאג,
צעוואקסט ער זיך און שפרייט זיך אוים
און ווארפסט זיך —
ווי א קייט פון הונגער־ווילדע שלאנגען,
דא — אויף דעם נאקען פון דער שטאדט,
באלד אויף איהר ברוסט
און בויערט דורך איהר בויך. —
און רייסט,
און טראגט זיך
אין די קאנקריטען־גרויע, קאבעל־ווייסע,
אייזען,האמעטנע טונעלען,
איבער שאכטען פון דער ערד!
און דער עלעקטרא־שד בייטשט אן און טרייבט
דעם שטאלענעם געיעג פון רעדעריי!

פֿיולאסטאנעצקי י.ג.
פֿעוגעל ל.



ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אין גאַס.

אויגען רויט, ציינער שוואַרץ, האָר צושויבערט און גרוי,
און די באַקען צולעכערט, אַזוי ווי אַ זיפּ ;
שטעהט ער וואַקלענד ביים שענק, רעדט צו זיך אין דער שטיל
מיט אַ שמייכעל פאַרקרימט אויף זיין אונטערשטער ליפּ.

און דערביי אויפ'ן ראַג זיצט אַן אַלטיטשקע פרוי,
וואַרפט איהר עמיץ אַ סענט פאַר איהר קרומליכען פוס.
ניט זי בעט, ניט זי דאַנקט — ס'טוט אַ ציטער איהר מויל,
און אַ פינטעל מיט אויגען פאַרקלעפּטע פון פלוס.

אָרימע מענשען.

אָרימע מענשען — די קינדער פון פּראַצע,
קויטיגע פּנים'ער, בלאָטיגע פיס,
גליקליכע לעבט איהר אַפּ אייערע יאָהרען, —
קויטיגע פּנים'ער, בלאָטיגע פיס.

גריבער צוגראָבען און וועגען צואַקערט,
פלייצעס געבויגען, געשוואָלענע הענד.
זונען פאַרגעהען און געהען אויף ווידער —
פלייצעס געבויגען, געשוואָלענע הענד:

רוהיגע שלאָפט איהר די נעכט, ווי גע'הרג'עט.
וואַקסען אויס קינדער פון אונטער דער ערד.
בעטען די ווייבער: „אַ, ראַטעווע, יעזוס!"
וואַקסען אויס קינדער פון אונטער דער ערד.

העק אויף די אָרעמס, די דיכען פאַרגאַרטעלט,
קליידער פאַרלאָזען, אַ ריס אויף אַ ריס. —
אומגליקליך לעבט איהר אַפּ אייערע יאָהרען —
קויטיגע פּנים'ער, בלאָטיגע פיס.

אינגעלע ליעבער.

אַ שפּיז אין דער לופטען,
אַ שאַרף פון אַ שווערד, —
מיין קרוין ליגט פאַרבלוטיגט,
פאַרבלוטיגט אויף דר'ערד.

— אינגעלע ליעבער,
קליינינקער מיין, —
דו וועסט שוין ניט זעהן מעהר
די ליכטיגע שיין...

אין רויך און אין פייער
ביזטו ניט אוועק.
א גוסס׳ען האָט מען
געלאָזט דיך אין וועג.

א פערד איז געפלויגען —
דער פיינד האָט געזיגט —
און האָט מיט די פיס דיר
דיין הערצעל צודריקט.

— אינגעלע ליעבער,
קליינינקער מיין,
דו וועסט שוין ניט זעהן מעהר
די ליכטיגע שיין.

א. בערגנער

פאַר מיין איינזאַם פענסטער.

פאַר מיין איינזאַם פענסטער ברענט אַ גאַס־לאַמטערן,
גיסט זיך אין מיין צימער בלוי־ווייס צאַרטעס ליכט;
צינד איך נים קיין פייער, זיץ מיר שטיל אין וויג־שטול
און דאָס ליכט פון דרויסען פאַלט אויף מיין געזיכט.

חלום'ט מיר פון נאָרד־לאַנד. העלע נאַכט, פאַרטרוימטע.
ערגעץ אין דער ווייטקייט פאַכען פליגעל שטיל.
און פון שלאָף געוועקטע פליהען ווילדע שוואַנען
און די נאַכט־לופט ציטערט און צעווייגט זיך קיהל.

חלום'ט מיך די נאַכט־זון פון דעם ים געבאָרען,
ווי אַ גייסט פון אַבגרונד שפּירט די געגענד אויס.
און די פּיאָרדען דרעמלען, הילען זיך אין רויטקייט
און די שפּיצען־פעלזען שטרעקען רויט אַרויס.

און אין אַ רינג פון ברעגען, ווי אין ריזען־בעכער,
פליסט דער שטראָם אין פינקעל, ברענט ווי רויטער וויין;
צאַרטע הענט געהיימע וויגען שטיל מיין וויג־שטול
און חלומות שטילע הילען צאַרט מיך איין.

גאָלד הערמאַן



הערמאן גאלד

געזועלען איך האָב איינמאָל גע'חלומ'ט...

געזועלען, איך האָב איינמאָל גע'חלומ'ט אַ חלום:
מיין הויז אַזוי גרויס, אַזוי שעהן און אָהן ווענד.
און אַזוי חלום איך נאָך איצט און ווייטער
און וויל לעבען אַ לעבען אַזוי ווי איך וויל,
אַ'ניט ווער איך ברוגז און וויל גאָרנישט קיין זאַך.
און איהר און די וועלט וועט זיך זיין אָהן מיר.
אייער טריט ניט גאַנץ און בליק ניט פול.
און די וועלט וועט זאָגען בייז און שטיל:—
עפּעס פעהלט.
איהר וועט זעהן, אייערע קליידער וועלען ניט ליגען ווי איהר ווילט,
און די גאַנצע וועלט וועט גאַנץ ניט זיין
אָהן מיר.

אויפ'ן באַרג שטעהט אַ מיל...

אויפ'ן באַרג שטעהט אַ מיהל,
מאָלט זי שטענדיג קאָרן מעהל.
פאַהרען פוהרען באַרג ארויף —
מיט מעהל.
פאַהרען פוהרען באַרג אראָפּ —
מיט מעהל.

נאָר שבת און יום טוב שטעהט שטיל
די מיהל.
קומט אַ פויגעל פון וואַלד ארויס,
עפענט די פליגעל און שפּרייט זיי אויס
איבער גאַנצען באַרג הויך און איבער דער גאַנצער
מיהל גרויס,
און רופט, און שרייט אויס —

מיין מיהל! —
מיין מיהל! —
מיין מיהל! —
מיין מיהל! —

הערען דאָס אַלע פייגעל אין וואַלד,
די חברים און פריינד, יונג און אַלט.
יע, זיי ווייסען דעם פויגעל,
יע, זיי קענען איהם לאַנג.
גלויבען זיי איהם און גלויבען זיין וואָרט,
און ציהען אין שורות אין לאַנגע צו איהם,
און קומען, און שטעלען זיך אויס ארום מיהל,
און מאַכען אַ כאָר, און אַזוי זינגען זיי: —

זיין מיהל! —
זיין מיהל!
זיין מיהל!
זיין מיהל!

נידערט אַרונטער דעמאָלט דער פויגעל,
דער רייכער פויגעל, דער גוטער פויגעל,
און איז זיי מכבד פון זיין גרייטער האַנד,
פון זיינע זיסע, בעסטע, טרוקענע קערנער.
בענשען זיי איהם און בענשען זיין מיהל.
און פאַרברענגען, און שפרינגען, און זינגען זיך
פרעהליך.
ביז לאַנג נאָך דער נאַכט
און ווייט נאָך אין טאָג!

רילאָן א.מ.
דראגאָפּגן צילוע



א. מ. דילאן

נאכט.

נאכט. ס'קריכט די פינסטערניש אין צימער אום,
אט קומט זי צו צו מיר און שפרייט זיך ארום מיר.
איך פיהל זיך א געפאנגענער ביי איהר.
עס קלאפט מיין הארץ און ציטערט שווער
און א געשטאלט אין מיטען צימער שוועבט אריין
און פיאנא־קלאנגען, לייכט ווי זי,
הויבען זיך און לאזען זיך אראפ, ווי זי,
און פליהען ווייטער אום אהין, אהער.

און אט איז זי א שטילע קעגען מיר
מיט אויסגעשטרעקטע הענד.
לאנגזאם געהט זי אום און הויבט ארויף די הענד
און לאזט זיי לייכט אראב.
אט פליהט זי נאך די קלאנגען נאך
ווי יאגען וואלט זי זיך נאך זיי.
פליהט ; און פליהענדיג
דרעהט זי א ווייסע רויז ארום איהר קאפ.

אַט שטרעקט זי אויס די האַנד צו מיר
און פיהרט איהר האַנד אויף מיין געזיכט אַרום און גלעט.
קראַנק בין איך און מיד פון מענשען.
שטאָדט און שטויב און רויך.
די קלאַנגען און די פינגער
גלעטען צאַרט מיין האַרץ
און איך טראָג זיך
מיט די קלאַנג און די פינגער אין דער הויך.

אויף וועמעס מזל...

אויף וועמעס מזל קלאַגט אַזוי דער רעגען ?
אויף מיינעם אפשר קלאַגט אַזוי דער רעגען ?
אָדער אויפ׳ן מזל פון אַ בלינדען, הויקער,
וואָס שלעפּט זיך ערגעץ אויף פאַרשטויבטע וועגען ?
צי אפשר אויפ׳ן הונד, דעם גלגול פון די וועגען ?
אויף וועמעס מזל קלאַגט אַזוי דער רעגען ?

ציליע דראַפּקין

מיין ווייסע שניי פּרינצעסין

אַ, ווייסער גייסט,
פּרינצעסין מיינע!
דער פריהלינג רייסט און רייסט
אויף דיר די קליידער דיינע.

דער רוהם פון פריהלינג איז אין לופטען,
באַקרוינט איז ער מיט בלומען,
ער טראָגט מיט זיך פאַרפומען,
און פרישע פריהלינגס דופטען.

און ער וועט ברענגען דיר דיין טויט,
מיין ווייסע שניי־פּרינצעסין!
מיט שאָטענס איז דיין וועג צושפּרייט,
צוגעהסט און ווערסט פערגעסען.

מיין הארץ צורייסט אַ טיפער וועה
פאַר דיר, מיין גייסט פון אומעט.
געה גיך אוועק, פּרינצעסין שניי,
דער פריהלינג זשומעט, זשומעט...

כ׳האָב זיך געזעהן אין חלום...

כ׳האָב זיך געזועהען אין חלום
שטעהענדיג ביי׳ם פענסטער מיט אַן איינגעבויגטען קאָפּ
און קוקענדיג פון פינפטען שטאָק אראָפּ.
איך האָב אויף עפּעס זיך פערטראַכט, אָן עפּעס זיך דערמאָנט.
און ס׳איז דער טראָטואַר געוועזען אַזוי נאָהנט, אַזוי נאָהנט...
עס האָט געקוקט אויף מיר דער טראָטואַר מיט מילדע גרויע אויגען
און האָט ווי אָרעמס ליעבע, ווי אַ ווייכע בעט צו זיך געצויגען...
דער טראָטואַר איז ווייך געווען אַזוי און נאָהנט,
אַז אויף מיין קינדיש בעטעל האָב איך זיך דערמאַנט,
מיר האָט זיך מיט אַמאָל פערוואָלט שלאָפען...
קען איך היינט אויף אַן אַפּרוה טאַקע האָפען?
איך האָב זיך מעהר און מעהרער איינגעבויגען
און צו מיין אַפּרוה ווי אַ פויגעל לייכט געפלויגען...

האַלפּערן מ.ל.



מ.ל. האַלפּערן

די שיף געהט אָפּ

דאָס טרייב־ראָד אין די וואַלען רוישט. די שיף געהט אָפּ.
איך קוק די מענשען אַן וואָס שטעהען נאָהנט ביים ברעג,
און פרעמד נעהמט אויף מיין האַרץ דעם לעצטען גרוס פון זיי.
און רגע־וויז פיהרט ווייטער אונז די שיף אוועק,

און קלענער ווערט דער ברעג און גרויער מעהר און מעהר
און רוישיג ציהט זיך נאָך דער שיף אַ ווייסער שוים.
ווי שוים צופליסט אין מיר דאָס גליק פון ליעבע איצט,
ווי שוים צופליסט אין מיר מיין האַרצענס שעהנסטער טרוים.

איך קוק די געגענד אַן וואָס רינגעלט מיך אַרום,
עס שפּרייט זיך אויס פאַר מיר אַ ווייטע פרייע וועלט.
אין מערב־זייט די זון, אין מזרח־זייט אַ ברעג.
אַ מיילען לאַנגער ברעג מיט באַרג און וואַלד און פעלד.

און אָפּגעזונדערט שטעהט אַ ווילאַ דאָ און דאָרט
און אַלע פענסטער קוקען פריי צום ים אַרויס.
און דאָ אין מיטען ים באַוועגט זיך אונזער שיף
און איבער אַלץ שפּרייט פריידליך זיך דער אָוונד אויס.

אין קוני איילאַנד

משה־ליב, משה־ליב,
ס'איז ניט פון זיידען'ס פעלד דאָס שיקסעל, וואָס דו זעהסט
פון וואַנען דען? פון היִע.
דאָס הייסט — א פויגעלע פון א בראָדווייער נעסט
איז זי? — — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
איז זי אזא וואָס טאַנצט די האַנאָלולו־טענץ
אין קוני איילאַנד דאָ.
און אַלע נאַכט באַווארפט מען זי מיט גאָלד און קרענץ —
א יאָ? — — — —
קען זיין.

און אפשר גאָר
האָט זי א מאַן א לאָרד, וואָס טראָגט א ווייסען באָרד,
און וואוינט אין א האָטעל,
וואו שטייף, ווי וואקס־פיגורען, שטעהן די דינער דאָרט
ביים שוועל? — — — —
קען זיין.

אויב יאָ אזוי,
פאַר־וואָס־זשע קומט דער לאָרד ניט אויך אהער צוגעהן,
פאַרוואָס? וואו איז ער, וואו?
צי איז ער אויך אליין, משה־ליב? אזוי אליין
ווי דו? — — — —
קען זיין.

מ. ל. האלפערן

והיה באחרית הימים.

און ברענגען וועט פרידען און רוה פאר דער ערד
א קעניג, וואס קומט אויף א שניי־ווייסען פערד.
צי דאס איז א בענשונג, צי דאס איז א פלוך —
אזוי שטעהט געשריבען אין הייליגען בוך.
— והיה באחרית הימים.

געגליהט האבען שטערען און בלומען געבליהט,
געזונגען אין וואלד האט דער פויגעל זיין ליעד,
געווארט האט דאס לעבען אנ'אייביגקייט לאנג
דעם קעניג אנטקעגען צוגעהן אויף זיין גאנג.
— והיה באחרית הימים.

דורך פייער און בלוט און פארוויסט איז די ערד.
און ועמען האט איבערגעלאזען די שווערד?
אויף וועמען וועט פאלען זיין הייליגע שיין,
וואס וועט ווי די זון אזא לויטערע זיין?
— והיה באחרית הימים.

א קעניג, מיין דורות פארהייליגטער, דו,
פאר וועמען דיין פרידען? פאר וועמען דיין רוה?
דאס בלוט פון די דורות פארגאסען פאר דיר
וועט קומען און מאהנען אן ענטפער פאר מיר.
— והיה באחרית הימים.

וואָרשע משה



מנשה וואַרשע

מיין נשמה.

(אויסצוג)

גאָט האָט מיר אַ פּקדון געגעבען:
אַ נשמה, אַ ווייסע, אַ ריינע
מיט אַ קינדישען צאַפּעל
און קינדישען לאַכען.
און אויגען — צוויי טויבען.
איך האָב די נשמה געשאָכטען,
אַ קרבן געבראַכט דעם ניט־גוטען.
און עס האָט דער ניט־גוטער
אין דער שעה אין דער בייזער
מיט אַ כשוף באַפוילען דער טויטער נשמה,
וואָס איז איהם צופוסענס געלעגען,
זי זאָל אין מיין גוף אייביג לעבען אַ טויטע.

איצט געה איך אַרום,
און הער זיך אַלץ צו
ווי ס'קריכען שטיל אום
אין נשמה ביי מיר
קאַלטע און גליטשיגע ווערים.

און כ׳ווייס:
ס׳איז געקומען די שעה,
באַלד וועט גאָט רופֿן,
באַלד וועט גאָט מאָנען
זיין פּקדון צוריק.
א ליעבהאַרציגער שמייכעל אויף גאָט׳ס ליפּן רוהט
פאַר זיין שעהנעם פּקדון,
א מלאך א ווייסער שטעהט ביי דער זייט,
א גינגאָלדענע קרוין אין דער האַנד;
און אין זיו־השכינה־ליכט
מאַכען צדיקים א ראָד.
טאַנצענדיג, זינגענדיג
געהען אַנטקעגען
גאָט׳ס אויסדערוועהלטער נשמה.

כ׳בין אין גאָס אַרויסגעלאָפען...

כ׳בין אין גאָס אַרויסגעלאָפען.
אין א שווערען, שוואַרצען חלום
איז די גאָס נאָך שטיל געשלאָפען;
מיט א ווייסען, טויטען פּנים
האָט די לבנה שטיל געקוקט.
מיט א ווייסען טויטען פּנים
האָט א שאָטען זיך גערוקט.

כ'בין אויף וועגן אומגעגאַנגען...

כ'בין אויף וועגן אומגעגאַנגען
און געזוכט צו דיר דעם וועג,
האָט אַ נעבעל מיך געפאַנגען
אין די גרוי באַשפּינטע טעג.
און מיין האַרץ האָט זיך געריסען
צו דיין פלאַמענדיגען קוואַל,
צו דער נאַכט האָט צוגעשמידט מיך
דער לבנה'ס בלייכער שטראַל.

נעבעל גרויע טעג לבנה בלייכע נעכט,
איך צופוסענס ליגט אַ לעבען איצט פאַרשוועכט.

מיט אייגענע הענד...

כ'האָב מיט אייגענע הענד מיין נשמה פאַרברענט,
איהר אַש אויף די ווינטען צוזייט.
ניט איך שילט, ניט איך וויין, ניט איך קריץ מיט די ציין,
איך געה מיר אַרום שטילערהייט.

און אפשר ?... אפשר ?...

האָט דער ניט-גוטער מיט מיר זיך געשפּילט,
ער האָט פון פאַרצוקונג דעם ריח דערפיהלט ;
און דאַמאָלט האָט ער עס מיין האַנד אָנגעריהרט
און האָט מיך צום טמא־מזבח פאַרפיהרט.

אויפ׳ן קבר פון מיין נשמה.

אויפ׳ן קבר פון מיין נשמה האָב איך אַ געצעלט געבויט,
דאָרטען וואוין איך איצט — פון נויט:


יוסף

ירושלים

גאָט'ס הויז.

דאָס הויז פון גאָט וועט קיינמאָל ניט פארשלאָסען ווערען,
און אויסגעהן וועלען ניט די קנויטען און די רעהרען,
און אַלע וועגען וועלען זיך אַהינצו שפינען,
און יעדער וואנדער־טויב וועט דאָרט אַ נעסט געפינען.

און ווען דו וועסט נאָך ווילדע טעג און רויטע נעכט,
אין פינסטער דרעהען זיך און צאַפּלען אין אַ פלעכט
פון שדים־שטריק, מיט גרויען אַש אויף דיין געמיט,
און בליי און בלוט, און טריפזאַמד אונטער דיינע טריט,
וועט שטעהן אין שטילען טאָל דאָס שטילע הויז פון גאָט,
אָהן כעס, אָהן האַס, אָהן טאַדעל און אָהן שפּאָט...
דאָס ליכט וועט ברענען, און דער טויער וועט זיין אָפען,
און קיינער וועט ניט רופען, קיינער וועט ניט שטראָפען,
נאָר ביי דער שוועל וועט שטעהן גאָט'ס ליעבשאַפט און וועט האַרען
צו קושען דיר די וואונד, און היילען דיינע צער'ן...

אויפ'ן ים.

דער ים איז שטיל,
עס גערהט די שיף
מיט שטאָלצער רוה איהר וועג
און לאָזט נאָך זיך
אין גרינעם ים
א ווייסען לאנגען פלעק.

פון ווייטען זעהט
אַן אינזעל זיך,
באדעקט מיט גרינעם וואלד;
די לופט איז פריש,
דער הימעל בלוי,
די זון זי שטראַלט און שטראַלט.

עס וויגט מיין הארץ
זיך מיט'ן ים
אין זיסען הין און הער,
און אויפ'ן דעק
שטעה איך קוק
און ווער פארטרוימט אלץ מעהר.

איך שפיר אין זיך
דעם שעהנעם וואלד,
דעם בלויען הימעל צעלט,
די שטראַלען פון
דער גרויסער זון,
דאָס ברייטע וואסער־פעלד.

נאכט אין שטאָדט.

עס רוהט דער ווילדער טאָג גערויש,
די גאַסען זיינען וויסט;
א בלייך־ווייסע לבנה נאכט
די שטומע שטאָדט פארגיסט.

די הויכע הייזער שטרעקען זיך
פארלאָשען טויט און שטאר,
עס הילכט צוריק דעם געהערם טריט
דער פוסטער טראָטואר.

פארשוואונדען איז דעם לעבענס פולס,
דאָך קלאַפּט ער ערגעץ וואו,
צי האסטיג, ווילד אין גערסט פון פרייד,
צי זאַנפט אין שלומער־רוה.

און פלוצים הארך... אן אמבולאַנס
די ווייסע נאַכט צוריהרט. —
האָט אימיצער דערשאָסען זיך?
ווער וויים, וואָס האָט פּאסירט.

ס'דרימלען ארום אונז...

ס'דרימלען ארום אונז פאר'חלומ'ט די בוימער,
זיידענע שאָטענס דעם וואַלד דעקען איין;
איבער דעם וואסער אין גלאַנציגע פּאַסען
ווארפט די לבנה איהר צערטליכען שיין.

שפּילענדיג גרייזעלט דער נאַכט-ווינט די גראָזען,
ס'וויגען די ווערבען פארשלאָפען דעם קאָפּ;
טויזענדער גאָלדענע אויגען פון הימעל
פינקלען און שפּיגלען אין וואסער זיך אָפּ.

יוסף יפה

און ווער איך בין...

און ווער איך בין, מעהר וויים איך נים.
איך וויים נאָר, אז איך בין.
און בלאָנדזשע אום פון אָרט צו אָרט;
איך וויים נים זעלבסט וואוהין.

און ווער זי איז, וואָס פיהרט מיך אלץ,
וואָס ציהט מיך אלץ, דאָס וויים איך נים;
איך וויים נאָר, ווען איהר אָטעם הויכט,
שוועבט מיין נשמה נאָך.

ווי כ'האָב זי ליעב, צו זאָגען איהר
דאָס קאָן איך נישט, דאָס פיהל איך נאָר,
און פיהלט זי אויך אזוי —
ווי וואויל איז מיר.

און פיהלט זי נים אזוי —
ווי וועה איז מיר.

לאַנדוי זישע
לאַפּין ב.
לודוויג ראובן
לייוויק ה.
ליעסין א.
לייעלעס א.



זישא לאנדוי

מיט וויפיעל טרויער...

מיט וויפיעל טרויער קוקען פרויען אויגען
אויף זיי'רע רייצענדע און רונדע גלידער
א פוילער געבעל שטענדיג איז פארצויגען.

ניט איינמאל געהסט אוועק פון זיי א מידער,
דאך איידער ס'שלאגען דיינע לעצטע שטונדען
ניט איינמאל וועסטו זיין ביי זיי נאך ווידער.

דו ביזט צו זיי אויף אייביג צוגעבונדען,
ווייל אונפארגענגליך, אייביג איז דער טרויער,
און ס'איז דיין בלוט מיט בענקשאפט אנגעצונדען.

און אפטמאל לייכטען אין דיין וועלט דער גרויער,
פון צוגעזאגטען לאנד די ווייטע זונען
און ס'איז די פרוי צו יענעם לאנד דער טויער —

אז וואויל איז דעם, וואס האט דעם וועג געפונען.

הײנט אָװענד.

אָװענד אינ'ם הױז.
דו זיצסט אין הױז און קוקסט ארױס.
פון פענסטער דיר ארױס.
דאָס װײב זיצט אױף א שטוהל און העפט
און אפשר נעהט.
איך קוק מיך אום און זעה: זי זיצט זיך גלאַט אזױ
און ניט זי העפט, און ניט זי נעהט,
נאָר האַלטענדיג נאַכלעסיג אין דער האַנד
די גאָדעל, שער, צי דאָס געװאַנד
פאַרטראַכט זי זיך װי טאָג נאָך טאָג
אין דאגות נאָר פאַרגעהען.
און קײנמאָל קענסטו ניט ארױס
פון אָנגעצײכענטען און לאַנגװײליגען קרײז.
און יעדען טאָג, װאס געהט אװעק, איז דאָך א
ער װעט צוריק שױן מעהר ניט קומען.
און גלײך װי דער װעט דאָך דער צװײטער אױך פאַרגעהן
און דאָס, אױף װאָס דו האָסט געהאָפט, געװאַרט,
האָט אָבגענאַרט.
און טראַכטענדיג אזױ,
מיט האָפנונג הױבט זי אױף איהר בליק צו דיר.
גראַד האָסטו אָבגעקעהרט פון פענסטער זיך
און קוקסט אױף איהר,
און מיט אמאָל װערט אַלץ דיר קלאָר.
דו הױבסט זיך אױף.
געהסט צו צום װײב, דײן טרײען װײב,
לעגסט אױף איהר אַקסעל לײכט אײן האַנד ארױף
און מיט דער צװײטער גלעטסטו איהר די האָר

און זאָגען ווילסטו דאָך איהר אזויפיעל גוטע רייד,
דאָך זאָגסטו ניט קיין איינציג וואָרט,
נאָר געהסט צוריק דיר אויף דיין אָרט
און קוקסט פון פענסטער ווידער דיר ארויס.
די נאַכט איז טיף, די שטערען זיינען גרויס,
און רוהיג שפּרייט דיין הארץ זיך אויס.

עס איז ניט קאַלט...

עס איז ניט קאַלט, דאָך מיינע גלידער
נעמט דורך די דינע אָוועגד קעלט;
איך געה ארום אַ לייכט פאַרטראַכטער
אין פייכטען לייטיג־ווייכען פעלד.

אין הימעל שווימט דאָרט אַ לבנה
און שטערען לויכטען איבער מיר,
דאָך וואָס באַרוהיגט און עס טרייסט מיך,
לאַמטערען געלע, דאָס זייט איהר!

אַ מענשענ׳ס האַנד האָט אָנגעצונדען
און היט די גאַנצע נאַכט אייך אָב.
אַ, פאַרלאַמטערענדיגע טאַלען,
איך לאָז צו אייך זיך איצט אראָב.

דער ווינד באַוועגט די קליידער מיינע,
דער ווינד בלאָזט קיהל מיר אין געזיכט,
און אין מיין הארץ איז אויפגעגאַנגען
אַ גרויס און וואונדערבאַרעס ליכט.

איז דער הייליגער בעל־שם־טוב...

איז דער הייליגער בעל־שם־טוב אין פעלד אומגעגאַנגען,
באַגינען אין פעלד אינ׳ם קאַלטען געגאַנגען,
עס האָבען פון צפון געבלאָזען די ווינטען,
קאַלט און פראָסטיג האָבען געבלאָזען די ווינטען,
אז ס׳האָבען גענומען איהם פריהרען די גלידער.
און ס׳האָט מיט פאַרפראָרענע גלידער
דער הייליגער בעל־שם־טוב געעפענט די לעפצען
און האָט אופ׳ן קול זיך צוזונגען,
אזוי האָבען זיינע געעפענטע לעפצען
געזונגען, געזונגען, געזונגען:
„אז וואויל איז צו דעם, וואָס האָט זוכה געוועזען
„דיין ווינד זאָל אַמאָל איהם באַריהרען,
„אז וואויל איז צו מיר, וואָס כ׳האָב זוכה געוועזען
„פון קעלטען פון דיינע צו פריהרען,
„אז וואויל איז צו מיר און אז וואויל איז און וואויל,
„אז וואויל איז און וואויל איז און וואויל.״

און דורשטיג די פראָסטיגע לופט אַלץ געטרונקען
און ווידער אין טיפע מחשבות פאַרזונקען.

און איינציגווייז איז אינ׳ם הימעל ארויס
א זון אזוי פלאַמיג און גרויס,
אז ווי אין גיהנום געוואָרען איז הייס,
פון פנים גערונען האָט טראָפּענווייז שוויים
און ס׳האָט אינ׳ם ברענענדען פעלד
קיין ווינטעל צומאָל ניט געוועהט,
נאָר פלוצים זיך האָט דורכ׳ן ברענענדען פעלד

דאָס קול פון בעל־שם־טוב צושפּרייט,
דאָס האָט דער בעל־שם־טוב געזונגען,
א לויב צום באַשעפער געזונגען:
„פאַר קעלטען און היצען, פאַר זון און פאַר רעגען,
„פאַר טאָג און פאַר נאַכט, דיר א לויב!
„פאַר אַלעס, וואָס דו שיקסט דעם מענשען אנטקעגען,
„א לויב דיר, א לויב דיר, א לויב!
„און וואויל איז צו מיר, וואָס איך ווער איצט פאַרברענט,
„פון פייערען דיינע פאַרברענט.
„און אויב איך בין זוכה, און דו האָסט באַשערט
„צו פאַלען פון דורשטיגקייט איצט אויף דיין ערד,
„ווי וואויל איז צו מיר און ווי וואויל איז און וואויל
„און וואויל איז און וואויל איז און וואויל.״

פערהאַנען ווערטער...

פערהאַנען ווערטער וואונדערבאַרע דינע,
קוים זאָגסטו זיי, ווערט ליכטער דיין געמיט.
זיי זאָגען אָבער זאָגסטו קיינמאָל ניט,
אמאָל נאָר, ווען דו הערסט אליין ניט דיינע רייד,
דיר פאַלען זיי גלייכגילטיג פונ׳ם מויל.
דו ווייסט אפילו ניט דערפון, ערשט שפּעט נאָכדעם
דערזעהסטו, אז מיט דיר איז וואונדערבאַרס געשעהן:
דו רעדסט אזוינע רייד, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט גערעדט,
דו זעהסט אזוינס, וואָס קיינמאָל האָסטו ניט געזעהן.
און אַלץ, צו וואָס דו ריהרסט זיך צו, איז
פרייד און פרייד און פרייד —
אָ, ווערטער וואונדערבאַרע, דינע.

ס'איז היים אין שטוב...

ס'איז היים אין שטוב. איך קען ניט שלאָפען.
איך טו זיך אָן. איך געה ארויס.
מיט בוימער, גראָזען און לאַמטערען
שפּרייט מילד און לייכט די נאַכט זיך אויס.

איך זעץ אוועק זיך אויפ'ן ברונען.
ס'איז קיהל און שטיל. עס געהט דער ווינד
דורך מיינע האָר ווי שלאַנקע פינגער;
שוין האָבען מיך דערשמעקט די הינד.

עס קומט אָן טעדי און ס'קומט פרעדי,
מיט וויפיעל ליעבע גלעט איך זיי! —
כ'וועל ניט צוריקגעהן אין דער שטוב שוין,
כ'וועל נעכטיגען דאָ אויפ'ן היי.

אַ קליינער פּאַרק מיט ווייניג בוימער...

אַ קליינער פּאַרק מיט ווייניג בוימער
און ביי דער זייט אַ הילצערן הויז:
אַ ראָב אויף איהם איז אויסגעמאָלען, —
ווי קינדיש זעהט דאָס אַלעס אויס.

און צוגעקלאַפּט איז דאָרט אַ בלעכעל
און אויפ'ן בלעכעל שטעהט, אַז דאָ
איז אכצעהן הונדערט ניין און פערציג
געלעבט האָט ע ד ג אַ ר ע ל ע ן פּ אָ.

די ראָב, דער נאָמען עפּעס וועקען
פארגעסענס פון לאנג אין מיר,
און ווייל מען קען דאָס הויז באזוכען,
אזוי לאָז איך זיך געהן צום טיר.

אין א קימאָנאָ רויט ווי שארלאך
א פרוי פון פענסטער קוקט ארויס;
כ׳האָב פיינט אזוי קימאָנאָס רויטע,
אז כ׳קעהר זיך גיכער אָפּ פון הויז.

איך בלייב שוין ליעבערשט שטעהן אין דרויסען.
איך לייג צוזאמען מיינע העגד
און קוק מיר אויף דעם דאך דעם ברוינעם,
איך קוק מיר אויף די ווייסע ווענד.

פון פאָ׳ס א ליעד א וואָרט, א שורה
זיך פלאָנטערען אין מיין געדאנק;
וואו האָב איך זיי געהערט, געזעהען?
מיר דאכט זיך, ס׳איז שוין דורות לאנג.

און דאך געטרייסט האָט און געשראָקען
אין חלום מיך און אויפ׳ן וואָהר
דאָס אליין ערשט נעכטען. וועט זיך ווען נאָך
דאָס ווידערקעהרען? — Nevermore!

צו אַ דאַמע אין אַ גרויסען הוט...

פון גרויסען הוט פאַלט אויף דיין שטערען
און אויף אַ העלפט פון דיין געזיכט
אַ טיפער שאָטען, שאַרפער קוקען
די קנייטשען פון אַרום דיין מויל.
דו ביסט נאָך יונג, אין גאַנצען איבער דרייסיג,
דאָך איז דיין יוגענד ווייט שוין הינטער דיר,
און דיינע שוואַרץ-פאַרגרויטע האָר פאַררוהיגען
נאָך מעהר דיין רוהיגעס און לענגליכעס געזיכט.
אָהן רייץ שוין זיינען דיינע ברוינע אויגען,
דיין הויכער, ווייסער האַלז און דיינע פיינע פיס.
שוין קלינגט דיין שטימע קאַלט אַזוי און טרויריג—
נאָר מיין נשמה ציטערט, ציטערט ציטערט,
זי ציטערט, ציטערט אַלץ נאָך דיר.

אָװענד אין קעלער.

— דו ביזט מיינע? — איך בין דיינע.
— דו ביזט מייגער? — יא.
— רעד, כ'האָב ליעב די שטימע דיינע
— רעד איך שעהן דען? — יא.

— כ'דאַנק דיר פאַר די גוטע ווערטער,
דו האָסט מיר דערפרעהט מיין הארץ.
— יאָ, ס'איז אמת, קענסט מיט ווערטער
מאַכען פרעהליך איטליך הארץ.

— ווילסטו נאָך אַ ווײַלע בלײַבן,
אָדער ווילסט אַהײם שוין גײן?
— איך וויל נאָך אַ ווײַלע בלײַבן,
ס'ווילט זיך מיר אַהײם ניט גײן.

— ווייסט? ס'איז גוט דאָ אינ'ם קעלער
וואַנד־צייט ביים קרינגל וויין.
— יאָ, ס'איז גוט דאָ אינ'ם קעלער
וואַנד־צייט ביים קרינגל וויין.

— וואו האָב איך דיך אויסגעפונען,
וואו ביסטו ביז איצט געווען?
— זאָג, וואו האָב איך דיך געפונען,
וואו ביסטו ביז איצט געווען?

— הויב אַ ווײַלע אויף די אויגן,
איך וויל קוקן איצט אין זיי.
— גוט, איך הויב אויף מײַנע אויגן,
דו זאָלסט קוקן איצט אין זיי.

און דיסקוטירענדיג ביים טיש...

און דיסקוטירענדיג אין דער קאַפע ביים טיש
די ראָלע, וואָס עס שפּילען אינ'ם קריג די עראָפּלאַנען,
די טענקס, די סאָבמארינען און די לאַנגע פונ'ם טערק,
און ס'ארא ענדערונגען וועלען זיין אויף די באַלקאַנען,
האָב איך אין היץ פון דיסקוסיאָן דערפיהלט
ווי ס'קוקן מילד און ווייך אויף מיר די אויגען דיינע.

כ'האָב אומגעדרעהט צו דיר מיין קאָפּ און כ'האָב דערזעהן
אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איך וועל ניט פאַרגעסען!
און קלאָר געוואָרען איז מיר מיט אַמאָל,
אַז ס'פליהען הויך די עראָפּלאַנען,
אַז ס'שווימען טיף די סאָבמארינען,
אַז ס'זיינען ווירקזאַם טענקס, ווי אַלץ וואָס ענגלאַנד טוט,
אַז סוף-כל-סוף וועט עפּעס ווערען מיט'ן מערק,
אַז ענדערונגען וועלען זיין אויף די באַלקאַנען. —
נאָר וואָס וועט זיין מיט מיר,
מיט מיר און דיר —
מיט אונז?

אַ ווינקעל פון דיין מויל אָהן אויפהער האָט געצוקט,
האָסטו געפיהלט דאָס זעלביגע וואָס איך?

אין על.

כ'הענג אויף אַ רימען אין אַן על.
מיר פאָהרען שנעל. ס'איז הייס, ס'איז ענג.
נאָר היימליך איז מיר אין געדרענג
פון ווייבער און אַנאַנסען.
מיין בליק לויפט אומעטום אַרום,
פון זאַך צו מענש און באַלד צוריק
פון מענש צו זאַך.
ווי ביי אַ הונד, די נאָז איז וואַך
און שמעקט און שמעקט
און זאַפּט איין אַלץ, וואָס קומט איהר נאָר אַנטקעגען.

אוּן וואָס אין הארצען איז געלעגען
פארשלאָפענערהייט פון יאָהרען
איז אויפגעוועקט געוואָרען מיט א מאָל.

דער צוג לויפט גיך און הייזער פליהען ראש פארביי.
און גראָבע ווייבער זיצען אזוי פריי
און ברייט צושפּרייט די פיס,
און שמייכלען עפּעס אזוי זיס,
און קייען, דרעהענדיג דאָס מויל,
פארשלאָפען, מיעד און פויל.

און אנדערע — איין פוס צום צווייטען צוגעדריקט,
און ליפּלעך — דין — — — —
אזוי איין פוס צום צווייטען צוגעדריקט,
און ליפען אזוי דין, — — — —

פון היץ ווערסטו שיער ניט דערשטיקט.
די באהן זיך וויגט
אהער, אהין.
און וואָס עס מאכט דיך מיעד, ווי פריש געשניטען היי,
און וואכיג, ווי ביי נאכט א קינדעריש געשריי —
דאָס איז דער ריח, וואָס זיך טראָגט פון זיי.

מיר און זיי.

א ווייב דארף צום מאן דאָך ניט גלוסטען,
ווי ס'גלוסט ניט צום האר'ן דער קנעכט;
דאָך זיינען ביימאָג ווי טויטע,
זיי לעבען ערשט אויף אין די נעכט.

עס נעמען די אויגען זיי ברענען,
זיי ווערען פון גלוסטונג פארצעהרט;
די תאוה פון ווייבער — זי האט דאך
פארלאשען דאס ליכט פון דער ערד.

נאר ווארהאפטיג זיינען מיר מענער,
צו זינד פיהרען אונז ניט די טריט,
עס גלוסט ניט צו תאוה דאס הארץ אונז,
עס ברענען די אויגען אונז ניט.

פערהאנען לייט...

פערהאנען לייט, וואס ווילען שטענדיג רייזען
און קליין איז נאך פאר זיי גאט'ס גרויסע וועלט,
דאך מיר איז גוט אזוי דא אומצושפרייזען
אין דעם פארטאלטען און דעם פארבערגטען פעלד.

כ'האב היינט אזוי פיעל אנגעקליבען בערען,
אז ברענגען זיי איז מיר געוועזען שווער.
איצט רוה איך אויס. אין שיין פון די לאמטערען
די צווייגען וויגען זיך אהין, אהער

א רוהיגער, אין טיפען גראז פארבארגען,
האב איך זיך אין דער גאנצער גרויס צושפרייט.
נאך קראבען צו דעם טייך וועה איך מיר מארגען.
א קארב און פלייש האב איך שוין אנגעגרייט.

ב. לאַפּין

צו משה וואַרשע.

די מוזיק פון הארצען,
ווי קען זיין ניט שעהן ?
און אַ הארץ מוז האָבען
ווער עס וויל פארשטעהן.

ס'שוועבען פאר מיר תמיד
דיינע גוטע רייד ;
טרייסטען, היילען, גלעטען —
ברענגען אַ באשייד

פאר די רעטענישען,
ווי די נעבלען גרוי ;
און עס ריהרט ביז טרערען,
און ס'ווערט גוט אזוי !

אַ טשילע׳ר שניט-צייט.

אַ שניט־צייט־טאָג. פול ארבייט און גערויש
קלינגט אַפּ אין ווייטער שטרעק,
ציהט צו די דורכגעהער פון וועג, —
און אַלע הייזער לעדיגען זיך אויס;
פון קליין ביז גרויס
איז אויפ׳ן פעלד פארנומען.
ווער ס׳האָט פארזעהט איז שניידען איצט געקומען.

מיט קינדערישען זאָרג און פרייד
שטעהט יעדער ביי זיין בייט,
דער — שניידט, דער — בינדט,
דער וואַרפט גלייך אויף די וועגען
אין שייערען צו פיהרען,
ווייל אָט דער קרומער דרום־ווינד,
ער ווייזט אויף רעגען —
און דאָס פארהאָרוועט פארמעגען
קען אין איין רגע זיך פארלירען.

עס ליגען פייערען צולייגט,
און געגען זון זעהט בלויז זיך רויך,
דאָס פייער — אין דעם אש באהאַלטען,
וואַרמענדיג אַ טאָפּ אַן אַלטען,
שפּייז פאַר דאָס געזינד;
קאַרטאָפעל נאָר־וואָס אָנגעגראָבען,
ניט געשאָבען
אין וואַסער איינגעווייקט
און אַפּגעהיט פון אַ קליין קינד.

ווייל ס'שטעהט די מוטער אויף
גלייך מיט די מאַנסבילען פּאַריאַנט,
פון פריה — ווי ס'האָט נאַר־וואָס געטאָגט. —
נאָר באַלד וועט ס'אָרימע געריכט, שלעכט צוגעגרייט,
פאַרשלונגען ווערען אין דער מיטאָג־שעה מיט פרייד,
פרום איבערקרייצענדיג זיך שטיל
און מורמלענדיג אַ תּפלה מיט געפיהל.

ראובן לודוויג

אויטאָפּאָרטרעט

מיך האָט צום שפּיגעל צוגעצויגען
צוויי טונקעל ברוינע אויגען.
אַ בלייך געזיכט,
צוויי ליפּען גראָב, און ברייט
צושפּרייט,
אַ קאָפּ געדיכטע האָר,
אַ רוקען אויסגעבויגען,
וואָס טראָגט אויף זיך די לאַסט —
פון צוויי־און־צוואַנציג יאָהר...

אָקטאָבער

ערטערווייז:
מיט א ווייסען שוים
איז דער הימעל צוגעדעקט,
ערטערווייז:
שטראַלט א בלויליכקייט ארויס.
נאָר דער פארק
איינגעוויקעלט איז אין ראָסט
און די ביימער וויגען זיך און וויגען זיך
אין דער נאקעטקייט
פון אָקטאָבער.

סיעסטא

דער אויווען גליהט.
עס ציטערט אויפ'ן דיל א געלבליך־רויטער שיין
און וואַרעם איז אין שטוב און שטיל —
פארנאכטליך גרוי
א דונקעלהייט אין צימער גנב'עט זיך אריין.

אין גרויען ליכט
פארוויג איך זיך מיט צארטע פערזען פון וועלען
און רוהיג, רוהיג קלאַפּט מיין הארץ
נישט גלויבענדיג —
עס וועט א שלעכטע, בייזע שעה נאָך קומען ווען.

אזוי מוז זיין...

עס גראָבט און גראָבט און גראָבט די ערד,
די מיטאָג זון איז בלענדענד הייס;
און רינגט דער שוויים פון זיין געזיכט,
זאָל רינען טראָפּענווייז דער שוויים
פון זיין פאַרברוינט און דאַר געזיכט —
ער גראָבט די ערד...

אזוי מוז זיין, אזוי מוז זיין,
פון זיין געזאַלצען־הייסען שוויים
וועט וואַרעם וויקלען זיך דאָס קרויט;
וועט וואַקסען הויך דער מייַלאָמעיז
און פּאָמידאָרען, בלוטיג רויט.
אזוי מוז זיין...

נאַכט און רעגען...

טעמפּ און נאַריש
קלאַפּט דער רעגען
אויף די ברעגען
פון דיין הוט.

קאַלט און שטעכיג
פאַלען טראָפּענס
אויף די הענט...

גלאַנצענדיגע פּאַסען
וואַרפען די לאַמטערען
אויף דער גלאַטער נאַסער גאַס...

רויט געצונדען —
ווי אַן אויג מיט בלוט פאַרגאָסען
קוקט אַ פענסטער נייגעריג
אין דער נאַכט . . — —

טעמפּ און נאַריש
קלאַפּט דער רעגען.

רייסען זיך די אויגען,
דיינע אויגען צו דעם פענסטער,
גלייך ווי דאָרטען
ברענט אַצינד דיין גליק...

קאַלט און שטעכיג
פאַלען טראָפּענס...

איך האָב געטראַכט

איך האָב געטראַכט —
ווער ווייסט,
עס קען אַמאָל נאָך ווי די שטערען לויכטען,
ווי ווינטען פריי זיין,
ווי נעכט געהיימניספול —
דער גאַנג פון מיינע טעג...

האָב איך דאָס זיפצען פון א מוטער
אויף יעדען טראט געהערט ;
די ליפּען פון א שוועסטער
אויף מיינע הענט דערפיהלט ;
דאָס וויינען פון א קינד,
וואס וויל דורך מיר געבאָרען ווערען —
אין מיינע אָדערען דערשפּירט.
און ס'האָבען מיינע הענט און פיס
נעצויגען מיד זיך צו דער ערד,
די אויגען דעקלאָך —
זיך שווער אראָפּגעלאָזען,
און מיינע ליפּען האָבען
פאר שמערץ געמורמעלט :
„איך
בין
א פארלאָרענער אויף אייביג".

אין א דאָקטאָר'ס וואַרט-צימער

אָנגעשפּארט
אויף די ביינערדיגע הענט,
א פארהילטער
מיט דער בלייכקייט פון דעם טויט,
דרימעלט איינער —
און א צווייטער
בייסט די בלויע נעבעלדיגע ליפּען.

פון א ווינקעל —
טיפע, מידע בליקען
זיך פארלירען
אין דער גרויער לופט פון צימער,
זוכענדיג א ווייטקייט...

רויטע פלעקען אויפן דיל,
רונדע, פריש פארקיהלטע —
קריצען צייכענס בלוטיגע
פון איין אָבגעשוואכטען לעבען.

שטיל און גרוי...
גרוי און שטיל —
אין דעם טרויעריגען שווייגען
שפיגעלט אָפּ אין זיך די לופט
די באגלייטונג פון א טויטען
צו זיין רוה...

אין פאטער'ס הויז

1

מיין פאָטער'ס רייד,
זיי קלינגען פרעמד פאר מיר;
אויך ברענגט מיין מוטער מיר קיין פרייד
מיט איהרע שטומע אויגען.

פון אָרט צו אָרט, פון טיר צו טיר,
די ליפּען צוגעמאכט און שטום,

אזוי דרעה איך זיך אום
א פרעמדער צווישען אייגענע.
ווען ניט די גאָלד באַזוימטע וואָלקענדלעך
און די פאַרנאַכטען,
ווען ניט די קיהלע זומערדיגע נעכט,
וואָס ברייגגען אויך מיט זיך א שעה
פון גאָרנישט טראַכטען —
ווי שווער וואָלט מיר געווען צו לעבען דאָ,
ווי לאַנגווייליג, ווי שלעכט...

2

מיר פרעסען איינער אויף דעם צווייטען
מיט אונזער ליעבע,
מיט אונזער נאָהענטקייט.

קען איך דען זיין אָהן איהר ?...
זי איז מיין מאַמע...
ווען ער ניט בייגקען דען נאָך מיר ? —
איך בין זיין זוהן...
און איהרע ציטערדיגע ליפּען,
די גרויע אויגען — זיי זיינען שוין פאַרטרערט...

זיי רוהיג, רוהיג זיי, מיין שוועסטער,
איך וועל פאַרבלייבען ווי א קנעכט,
צווישען אייך,
און זעהן
ווי יעדען טאָג
רייסט איינער אויף דעם צווייטענס ברוסט
און קראַצט א שטיקעל האַרץ פון דאָרטען אָפּ...

און טאָג נאָך טאָג,
און יאָהר נאָך יאָהר,
מיר פרעסען איינער אויף דעם צווייטען
מיט אונזער ליעבע
מיט אונזער נאָהענטקייט...

צי טרעפט זיך דיר אַמאָל...

צי טרעפט זיך דיר אמאָל — ביזט ווייט פון שטאָדט
דו נעהמסט אין האנד א גראָבען שטעקען
און לאָז זיך אויף אַ ברייטען פעלד אוועק,
אויף מיילען ווייט
איז קיינער אחוץ דיר אין פעלד ניטאָ,
פון צייט צו צייט
דו קוקסט דיך שרעקענדיג ארום,
און ווייסט אליין דאָך ניט ווארום
דו דאַרפסט זיך איצטער אין דעם פעלד גאָר שרעקען,
ווען קיינער אחוץ דיר איז דאָ ניטאָ.

און דאָך —
ווי רייצענד איז פאר דיר די אומבאשטימטע שרעק.
דו שפּאַנסט —
אַלץ ווייטער, ווייטער אין דעם ברייטען פעלד אוועק...

ניו יאָרקער קעץ

זיי ראַיען זיך אין מיסט, אין טיפע קעלערס,
און דורך די נעכט אַלץ ראָמאַנסירען,
נאָר אָפט באַוויינען זיי דאָס ביטער לעבען,
וואָס זיי באַשערט איז דאָ צו פיהרען.

ביי איינער אָפּגעשאָבען איז דער רוקען,
דער קאָפּ פאַרבלוטיגט ביי אַ צווייטער ;
אַ גליקליכער איז שוין אַ שוואַרצער קאָטער,
וואָס ליגט אין מיטען גאַס אַ טויטער.

ניין לעבענס יעדע האָט אין קאָן צו שטעלען —
איז שווער פון זיי זיך צו באפרייען,
דען ביז אַ קאַץ וועט לעבענס ניין פארלירען,
קען איך די גאל ביז דאן אויסשפייען...

ה. לייוויק

פון די סעריע „הינטער'ן שלאָס“.

.1

די נארע איז קורץ...

די נארע איז קורץ,
באר שלאפען מוז יעדער זיך לייגען, —
לייגט איינער די פיס
דעם צווייטען ארויף אויף די אויגען.

און איינער דעם קאָפּ
שפּאַרט אָן צו דעם אנדערען'ס קייטען:
די נארע איז ענג —
מוז יעדער שלוגען דעם צווייטען...

.2

איינגעשמידטע זיינען מיר.

איינגעשמידטע זיינען מיר,
יעדער אין א קאמער זיצט באזונדער;
אנגעשפארטערהייט ביים טיר
שטעהען מיר און ווארטען אויף א וואונדער:

פלוצלונג איינער שטילערהייט
עפענען וועט אלע טירען,
וועט צורייסען אונזער קייט,
אונז פון תפיסה ארויספיהרען.

וועט אונז פיהרען פאר'ן האנד
איבער וועלדער, איבער גרויסע ים'ען,
צו א ווייטען, ווייטען לאנד, —
און א היים אונז ברייננען, צו דער מאמען...

.3

י ע ז ו ס.

איינגעדרעקט ביז איבער האלז אין גראהען ליגען זיי און שלאפען.
קעפ צו קעפ און הענט צו הענט, די פיס צום פענסטער אויסגעצויגען;
איבער זיי אין ווינקעל ערגעץ איינגעוועבט אין שפינוועבם
יעזוס אויף א צלם הענגט, דער מויל צוקרימט און צוגעמאכט די אויגען.

דורכגעלעכערט ביידע הענט און פיס און צוגעקלאפּט מיט נעגעל,
דאַר און נאַקעט־הויל דער גאַנצער גוף, די שאַנדע ניט פאַרבאָרגען:
אונטען אויף אַ קייטעל שאַקלט זיך אַנ'אויסגעטריקענט לעמפּעל,—
ניט געווען קיין אייגער, ווער עס זאָל מיט בוימעל און אַ קנייטעל
עס באַזאָרגען.

איינגעדעקט ביז איבער האַלז אין גראָזען ליגען זיי און שלאָפען.
כאַפּט זיך ווען ניט ווען ווער אויף — ער צלמ'ט זיך און גענעט זיך
ווידער לייגען;
יעזוס הענגט אַליין אַ נאַקעטער, אַנ־איינזאַמער אין איינגעשטויבטען
ווינקעל,
די פיס פאַרדרעהט, דער קאָפּ פאַרקרימט און צוגעמאַכט די אויגען...

פון דער סעריע „אין שניי“.

1.

נ אָ כ אַ נ אַ נ ד.

מיר געהען צוויי טעג שוין, דריי הונדערט אין צאָהל:
מיר האָבען, ווער ווייס ווען געזינגדיגט אַ מאָל,
מיר האָבען פאַרגעסען די זינד שוין פון לאַנג
און גאַרען אויף רוהען אין זונען־פאַרגאַנג.

נאָר ס'הערט ניט אויף שלאָגען די שטראָפענדע האַנד,
זי טרייבט אונז צו געהן נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד,
און לאָזט אונז ניט פאַלען מיט ליפּען פאַרשמאַכט
צו קושען די טריט פון דער קומענדער נאַכט...

2.

אויף די וועגען סיבירער.

אויף די וועגען סיבירער
קען עמיץ נאך איצטער געפינען א קנעפעל, א שטריקעל
פון מיינם א צוריסענעם שוך,
א רימענעם פאס, פון א ליימענעם קריגעל א שטיקעל,
א בלעטעל פון הייליגען בוך.

אויף די טייכען סיבירער
קען עמיץ נאך איצטער געפינען א צייכען, א שפענדעל
פון מיינם א דערטרונקענעם פליט;
אין וואלד — א פערבלוטיגט־פערטריקענטעם בענדעל,
אין שניי — איינגעפרארענע טריט...

3.

געהט מען זיך לאנג.

געהט מען זיך לאנג,
בינדט מען די לענדען ארום מיט א שטריק:
קלאפען די שיך —
געהט מען זיך לאנגזאם, מען קוקט ניט צוריק.

איז ווער געשמידט,
קען ניט צוקלאפען די קייט אן א שטיין, —
וואס זאל מען טאן? —
טראגט מען די קייטען, נאר געהן דארף מען געהן...

גיט מען אונז רוה,
איינגעמידט ווערט אויף די האנד, וועלכע שטראפט, —
ליגט מען זיך שטיל ,
ליגט מען זיך שטיל אויף דער ערד און מען שלאפט...

4.

ווארימער אויוועו.

וואהנען זיך מענשען אין מיטען דער וועלט
רוהיג אוןווארים אין זיי.
עסען געפאנגענע הירשען און פיש,
טרינקען צוגאנגענעם שניי.

לייגען זיך שלאפען, ווען ס'קומט נאר די נאכט
אלע צוזאמען אין בעט,
דעקען זיך איבער אריבער'ן קאפ,
שלאפען אין טאג אריין שפעט.

הוליעט אין דרויסען א צפון־זייט־ווינד,
נעמט מען א האק און מען שפאלט
שייטלאך נאך שייטלאך אין אויוועו אריין,
שייטלאך פון אייגענעם וואלד.

באקען זיך פלעצלאך און פרעגלען זיך פיש,
קאכט זיך א קעסעל מיט טיי, —
וואהנען זיך מענשען אין מיטען דער וועלט
רוהיג און ווארים אין שניי...

.5

שטיל אויף די סטעפּעס.

שטיל אויף די סטעפּעס בוראַטישע
עס שלאָפט נאָך דער אָבגאָט פון פריה;
עס זיצט זיך אַ פּאַסטוך אַנ׳איינזאַמער
געבויגען דעם קאָפּ אויף די קניה.

זיין פּנים אַ געלער, אַ מעשענער,
צושוואומען דער נאָז אין דער ברייט,
די אויגען אין שטערען פאַרזונקענע,
די ליפּען האַלב שוואַרץ און האַלב רויט.

עס שיטען פונאַנדער די שעפּסען זיך
אין אַלע פיער זייטען אַרום,
דאָס אַרט ניט דעם פּאַסטוך דעם איינזאַמען,
ער זיצט זיך פאַרדרעמעלט און שטום.

און הויבט ער אָן צו זינגען, — דערשרעקען זיך
פאַר איהם זיינע אייגענע פיה,
ווערט ווידער אַנשטומט אַ פאַרשלאָפענער,
פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף די קניה...

6.

איך בין דא.

טויט און שטיל.
שעה נאך שעה.
ווער איז דא?
איך בין דא...

אויפ'ן וועג
אין דער מיט
איז ווער טויט?
קיינער ניט...

רויט דער שניי.
איך בין ווייס.
מיינע הענט —
שטיקער אייז...

וועל איך מיר
לאזען געהן,
נעהן צו פוס
און אליין...

קומט ווער אן?
קיינער ניט:
פאלשער קלאנג,
פאלשע טריט...

טויט און שטיל.
שעה נאך שעה.
איז ווער דא? —
איך בין דא...

קאלטע רוה.

קאלטע שטראהלען ציהען זיך פון שויב,
גיסען אן מיין הארץ מיט קאלטע רוה,
גליקליך זיין איז גוט און ניט זיין — אויך,
בעסער נאך פון אלץ — מיין קאלטע רוה.

אויפ'ן שפיגעל שפילט א ווייסער האז,
קלאפט א ווינטעל אין די פענסטער צו,
ציהט א רויך זיך פון מיין פאפיראס,
ווערט דער רויך פארפאלען ערגעץ וואו...

צעהלט פאר זיך דאס זייגערעל: טיק־טאק,
ניט פאר מיר — איך צעהל ניט די מינוט,
וואויל דעם גליקליכען, דעם אומגליקליכען אויך,
מיר נאך מעהר פון אלעמען איז גוט

אנ'אויסגעטראכטער.

און פלוצלונג זעה: ס'איז גאר ניט דו,
א טעות נאר,
ניט דיינע הענט, ניט דיין געזיכט —
א פרעמדענס גאר.

און וואס דו זעהסט, און וואס דו טוסט —
א פאלשער שפיל;
אנ'אויסגעטראכטער וואנדעלסט אום
אהן וועג, אהן ציעל.

דער אמת'ער איז ערגעץ ווייט,
איז איינגעדרעהט,
איז איינגעשרויפט אין זיך אליין
ווי אין א קייט...

ער שלעפט זיך ערגעץ נאך דער קייט,
געהט טריט ביי טריט...
און וואו? ביז ווען? ניט ער, ניט ווער —
ווייס קיינער ניט...

לייג דיין קאפ...

לייג דיין קאפ אויף מיינע קניה,
גוט אזוי צו ליגען,
קינדער שלאפען איין אליין,
גרויסע דארף מען וויגען.
קינדער האבען שפילעכלאך,
שפילען ווען זיי ווילען:
גרויסע שפילען נאר מיט זיך,
מוזען אייביג שפילען.

שלאף, שלאף.

שלאף, שלאף, שלאף,
דער פאסטוך פאריאגט האט זיין שאף,
דער פאטער פארלאזט האט זיין קינד,
געלאזט אין דער פרעמד אויפ'ן ווינד.

וואס טוט מען, ס'איז קיינער ניטא?
איך וויג דיך א שעה נאך א שעה.
איך ציה אלץ פון וויגעל די שטריק
אהער און אהין און צוריק.

לו, לו, לו,
דער ווינד קאן ניט שלאפען, ווי דו:
עס בלאנזשעט אום פרירענדע וועלף,
און עמיץ בעט רחמים זיך: העלף...

וואס טוט מען: אז עמיצער שרייט?
ער שרייט און הערט אויף מיט דער צייט,
די צייט איז א רגע צי צוויי —
פאריאגט האט דער ווינד דעם געשריי...

וואס טוט מען ס'איז קיינער ניטא?
איך וויג דיך א שעה נאך א שעה,
אזוי ווי אויף אלץ קומט א סוף
וועט קומען אויף אונז אויך א שלאף...

אויף די פייערען.

אויף די פייערען אין לופט די טאנצענדיגע קוק איך,
און די אויגען מיינע —
ווערען ווי די פייערען אין לופט די טאנצענדיגע.

וואס איז מיר געבליבען מעהר פון רוישענדיגען טאג,
אז ניט די אויגען מיינע? —
הענט און פיס זיי זיינען טויט פון רוישענדיגען טאג.

הענט און פיס זיי הענגען אויפ'ן שטול זיך וויגענדיגע,
נאָר די אויגען מיינע —
לאָזען זיך אליין אוועק ווייט, ווייט פונ'ם שטול דעם וויגענדיגען.

ווי עס לויפען איבער שטערען אין געדיכטער פינסטערניש
די אויגען מיינע —
צו די ווייטע פייערען שניידען זיי זיך דורך דער פינסטערניש.

לאַנג שוין האָבען מיך פאַרוויגט די פייערען די טאַנצענדיגע...
נאָר די אויגען מיינע —
ברענגען ערגעץ וואו נאָך מיט די פייערען די טאַנצענדיגע...

נאָך אלעמען.

שוין אָפּגעזאָגט דער דאָקטאָר האָט דאָס לעבען,
און וואָס עס האָט געמוזט איז שוין געשעהן:
דאָס אויג — פאַרמאַכט, די הענט און פיס — פאַרגליווערט,
עס וועט ניט זיין שוין מעהר וואָס איז געווען...

שוין אָפּגעהויבען צו דער ערד דעם טויטען
און אומגעדרעהט די שפּיגלען צו די ווענט;
שוין אָפּגעקלאָגט האָט דער, וואָס דאַרף באַווייגען,
די ליכט צוקאָפּענס אַלע אויסגעברענט.

געווען שוין די לויה, שוין פאַרשאָטען,
אַ ברעטעל אינ'ם פרישען זאַמד געשטעלט,
צוריק געבראַכט אין טהרה־שטוב די מטה
און רוהיג, שטיל, ווי קיינער וואָלט געפעלט.

נאָך אַלעמען. שוין אומגעקערט אַהיים זיך.
מען וואַשט די הענט, מען עסט דאָס אָוונד־ברויט,
מען בלייבט אַזוי זיך זיצן אין די זאַקען,
און רוהיג, שטיל: די מערב זון פאַרגעהט...

אויפ'ן זאַמד.

אויפ'ן זאַמד אין מיטען וועג
ליג איך אויסגעצויגען;
ווייסער שיין, לבנה שיין
לייכט מיר דורך די אויגען.

און אַ ווינטעל פלאַטערט שטיל.
איך בין מיד, אַלץ מידער,
וויל זיך שטעלען קען איך ניט,
פאַל צוריק אַנידער.

צוגעוואַקסען צו דער ערד
ווי מיין האַרץ צום טרויער;
דרעהט זיך איינער אַרום מיר,
טרייסט מיך: ניט באַדויער...

גוט איז מיר. אַ ווייסע האַנט
זעה איך אויסגעצויגען;
טויטער שיין, לבנה שיין
לייכט מיר דורך די אויגען...

א. ליעסין

עס געהט די מיטען - נאַכט....

עס געהט די מיטען-נאכט אין ווייסען אָנגעקליידט
אַריבער פעלד און וואלד, אריבער באַרג און טאָל —
אין ווייסענס אָנגעקליידט, אויף זיידענס אויסגעשפּרייט
און גיסט מיט שטילען שיין און טרוימען אָהן אַ צאָהל.
און ס׳דוכט זיך אוים, אין לופט פארשפּרייט זיך און עס שוועבט
אַ חלום אָהן אַ סוף, פאַנטאַסטיש, בלוי און מילד
פון טיפען הימעל־רוים מיט שטערען דורכגעוועבט
און ביז דע׳ ווייסער ערד אין שטראַלען איינגעהילט.
עס שלאָפט די גאַנצע וועלט, פאַרגאַסען דורך אַרום
אין מילדען, שטילען שיין, באַצויבערט און ענטציקט ;
עס שלאָפט די גרויסע שטאָדט, די גאַסען שווייגען שטום ;
עס שלאָפט דער מידער מענש אין חלום איינגעוויגט.

א. לעיעלעס

איך

איך בין נישטיג, האָפנונגסלאָז און זינדיג,
און מיין יעדער ריהר — א שפור פון פעסט.
וואָס איך טו איז ליגנעריש און ווינדיג,
מיין געדאנק און הארץ — א שלאנגען־נעסט.

אויף מיר הענגט די זינד און פלוך פון דורות,
און דער משפט איז שוין לאנג בעשיידט:
כ׳געה אין שאָטען פון א טויזענד מורא׳ס,
פרעמד איז מיר די גנאָד פון איינזאמקייט.

וועה דעם שטויב, וואָס האָט זיך אָבגעריסען
און געבליבען הענגען אין דעם ווינד!...
— — — — — — — — — —

זאָל די נאכט שוין איבער מיר זיך שליסען
און פערצוקען מיך, וואָס כ׳בין א זינד.

איך בין נישטיג, האָפנונגסלאָז און זינדיג.

פריהלינג

פון א וועלט א טריבער, גרויער,
קום איך פריהלינג צו דיין טויער —
אין א ווילד פרעמד הויז.

כ'קום ניט קיינעמס פרייד צו שטערען,
וועל נאָר קוקען, וועל נאָר הערען,
הערען, קוקען בלויז.

ניו־יאָרק

מעטאַל. גראַניט. גערויש. געבראַזג. געפילדער.
אָטאָמאָבילען. הויך־באַהן. טיף־באַהן. קאַר.
בורלעסק. גראַטעסק. קאַפּען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט און גרילצענדער ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקן פיינדליך־שטאַר.
קיין שמייכעל, קיין גוט־מאָרגען, פריינדליך — מילדער
און איינזאַמקייט און ניט געטרייסטער צער
און אָט דער דרענגעניש כאַאָטיש ווילדער.

מאני-לייב
מילער ל.
טענחם



מאני לייב

איך בין דער וויינריב דער ווילדער.

איך בין דער וויינריב דער ווילדער!
געה אויף ביים פלויט פון דיין הויף.
קלעטער א רויטער, א ווילדער
ביז דיינע פענסטער ארויף.

אויף דיינע דילען זיך לייגן,
הויכען אין שארך פון דיין קלייד,
בלייכען זיך אין דיינע אויגען,
טרויריג פון דיינע רייד.

לויערען פון דיינע לאמפען
הערבסטיג און גרין, ווי א שפין,
אויסגעהן פארקלערט, ווי די לאמפען,
אשיג אין פלאם פון קאמין.

ליגען א בלייכער, א טויטער,
אויף דיינע שויבען אין שניי,
שנייאיג אין שניי א פארשנייטער
וויינען צו דיר פון דעם שניי.

מיין ווייסער פרייד

העי, איהר ביי מיינע הויכע טויערען,
די גאנצע נאכט מיט פאקלען וואכט!
מיין ווייסע פרייד אין דרייצעהן שליערען,
ראַרף קומען היינט צו מיר די נאכט.

פליהט מיין ווייסע פרייד אין שליטען
מיט די זיבען ווייסע פערד,
איהרע שלייערען צושיטען
ווייסע ווינטען אויף דער ערד,
און זי יאָגט די ווייסע פערד.

העי, איהר! פראהלט אויף די הויכע טויערען.
שפאַנט אוים די פערד ביי מיר אין הויף.
מיין ווייסע פרייד אין דרייצען שלייערען
ברענגט מיר אהער און וועקט מיך אויף.

ביי דעם בלויען, ביי דעם רויטען,
שטילען פייער פון קאמין
פאלט איין שלייער נאָך אַ צווייטען,
דרייצען — זעהסטו ווי איך בין —
און זי וואַרפט זיי אין קאמין.

העי, איהר! פארשפארט די הויכע טויערען,
נעהט שלאָפט, ווי הינד, אין אייער שעה!
מיין ווייסע פרייד אין דרייצען שלייערען
איז איצט מיט מיר אזא אָדאָ.

שטילער, שטילער

שטילער, שטילער, רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שווארץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין
שוויינט און האלט דעם אָטעם איין.

פון דער טיפער נאַכט ארויס
און פון קיינעם ניט געהערט,
וועט ער אויף א ווייסען פערד
קומען שטיל צו אונזער הויז.

פון זיין לויטערען געזיכט
און זיין קלאָרען, ווייסען קלייד
וועהען וועט אויף אונז די פרייד,
פאלען וועט אויף אונז זיין ליכט.

זייט נאָר שטילער, רעדט ניט הויך,
שטעהט געבויגען, שווארץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פיין,
שטעהט און האלט דעם אָטעם איין.

אויב מען האָט אונז אָבגענארט,
און מען האָט אונז אויסגעלאכט
און די גאנצע לאנגע נאַכט
האָבען מיר אומזיסט געוואכט —

וועלען מיר אין אונזער בראָך
בויגען זיך צום האַרטען דיל
און מיר וועלען שווייגען שטיל,
שטילער נאָך און שטילער נאָך

זייט־זשע שטילער, רעדט ניט הויך!
שטעהט געבויגען שוואַרץ און בלייך.
איינגעבויגענע אין פּיין
שטעהט און האַלט דעם אָטעם איין.

בלויע אָוענד שטונדען.

טויבען־שטילע, בלויע אָוענד־שטונדען!
שפּרייט פאַר מיר מיין אָוענד׳ טרוים צושפּרייטער.
איצטער גליהען ציטערדיגער, רויטער
מיינע שטילע רויזען — מיינע וואונדען.

איצטער שטאַרבט אין גאַסען דער געפּילדער,
טריט און ווערטער הילכען שטילער, ווייכער,
אויגען בענקענדיג נאָך אויגען, קוקען בלייכער,
הענד אין הענד געדריקטע, רעדען עפּעס מילדער.

איצטער ווערט מיין בענקשאַפט רויט געצונדען,
הייסער ווערט מיין בלוט, מיין אויג ווערט ברייטער!
איצטער, איצטער, ברענען רויטער, רויטער
מיינע רויטע רויזען — מיינע וואונדען!

איך האָב מיין מאַמעס שוואַרצע האָר.

איך האָב מיין מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגען,
מיין טאַטענס איידעלע און דינע הענד;
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
דאָס בלוט פון מיינע זיידעס, אידען ביי דעם דניעפּער;
און אויף מיין קאָפּ — די נעכט פאַרבראַכטע מיט חברים
אין בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער, דינער לוסט;
און שאַרפע ציינער־צייכענס אויף מיין ברוסט
פון אַ פאַרטרויטער, ציטערדיגער פרוי.

ווייט און ברייט און אָפען...

ווייט און ברייט און אָפען
וועהט דער נעבעל קיהל,
גאָלדיג בלוי און שטיל
ווערט דער ים אנטשלאָפען.

גאָלדיג־בלוי געצונדען
אויף דער ווייטער טיף
שווימט אַ זעגעל־שיף,
שווימט און ווערט פאַרשוואונדען.

ווי אַ האַלבער האָרן
די לבנה, הויך,
עלענד, קאַלט און בלייך
קוקט אין ים פאַרלאָרען.

אין דיינע אויגען וויינט דער הערבסט.

אין דיינע אויגען וויינט דער הערבסט —
מיין הערבסט. דער נעבעל און דער פּאַרק.
די ווייטע פייערן. די נאַכט
און די געשרייען פון דער שטאָדט.

אין דיינע אויגען וויינט די נאַכט —
מיין נאַכט. דער אַלטער פּאַרק און איך.
די ווייטע פייערן. די שטאָדט,
און דאָרטען דיין פאַרלאָזען קינד.

ווינטער אָוועגד

וואָס טוט מען אין דעם לאַנגען אָוועגד, ווינטער? —
מען זיצט ביים טיש. מען שווייגט. דער אויוועז ברענט.
מען רוקט פאַרטראַכט די קאַלטע פּעז אין טינטער.
מען שמייכעלט פויל. מען רייבט די קאַלטע הענט.
מען רויכערט אומרוהיג.

און אַז מען גיט אַ טראַכט, אַזוי זיך, פון די שכנים,
אַז יעדער רוהט פון לאַנג שוין אין זיין בעט —
און אַז עס שאַרען אויף די טרעפּ זיך טריט פון איינעם,
וואָס קומט פון נאַס אַהיים אַליין און שפּעט —
פאַרטראַכט מען זיך, הם... הם...

ווינטער.

פאַר מיינע פאַרנעבעלטע שויבען
הויבען זיך העכער, העכער,
הויכע פאַרשנייטע דעכער,
הויכע און זילבערנע הויבען.

פאַר מיינע פאַרנעבעלטע שויבען
איבער די הויכע דעכער,
הויבען זיך העכער, העכער,
רויכלאַך, ווי זילבערנע טויבען.

אין האַפען

גרויע, מידע שיפען שטעהען אין דעם גרויען האַפען,
אָבגעבערענטע פון די ים'ען פרעהליכע מאַטראָזען,
גלאַנציג שוואַרצע נעגערן און פלינקע ווי די אַפען,
לאָדען אויס די גרויע שיפען אין דעם גרויען האַפען,
און דער האַפען הילכט פון גלאָקען, קייטען און געשרייען.

און אָ דאָרטען, פון די רויהע ווינטען אויפגעבלאָזען,
רויט ווי פּורפּור, אויף אַ שיפעל זעגלען קליינע וועהען, —
איינער האָט זיך אַ פאַרטרויטער ווייט אין ים געלאָזען,
און פון דאָרטען קומט די נאַכט און רויע ווינטען בלאָזען
און פון דאָרטען צו דעם האַפען נייע שיפען געהען.

די לענדער און ים'ען.

די לענדער און ים'ען, די שטעדט און די ערטער,
נעזיכטער און שמייכלען און ווערטער, —
זיי זיינען אוועק פון מיר ערגעץ, א מאל
איז עפעס א ווייטען טאל.

איך זעה נאר דורך לויטערען נעבעל פארצויגענע
צוויי קינדיש פארטרויערטע אויגען —
פארבלאנזשעטע שעפסעלאך, שווארצינקע צוויי,
און עפעס א וועלט פון שניי.

ל. מילער

מימי אגוליא.

וואס איך טו, און וואו איך בין,
ליגט דיין נאמען מיר אין זין,
צו דיין וועזען ווילד און שעהן,
פאסט דיין נאמען ווי א קרוין.
— מימי אגוליא —

ווען איך רייד דיין נאמען אויס,
שוועבט דאן פאר מיין בליק ארויס
האר און אויגען ווילד און שווארץ
און א שטימע שניידט מיין הארץ
— מימי אגוליא —

זינט איך האב דיין שטים געהערט,
געה איך אום אזוי פארקלערט,
עפעס טוט אין הארץ א ריס,
ווייס איין גאט נאר וואס מיר איז.
— מימי אגוליא

מיינע קינדער

ווי א קינד פארטראכט אין שפיעלען, זיצסטו ביי דעם וויגעל, יונגע
מאמע.
און דיין כלומר'שט ערנסט פנים זעהט אוים קינדיש חנ'ודיג אזוי,
קינדיש חנ'ודיג דער פנים, און די אויגען קינדיש בלוי...

מיט א שמייכעל אויף די ליפלאך שלאפט דאס קינד אין וויגעל,
צייט אויך, אז די קליינע שעהנע מאמע זאל שוין שלאפען געהן...
נאר די קליינע שעהנע מאמע שאקעלט מיט דעם קאפ אויף ניין...

אלע געהען מיר אהין...

מען האט דערמאנט א טויטען פריינד...
און עמיץ האט געזאגט: מיר אלע געהען דאך אהין...
נעבען מיר מיין קינד באריהרט מיין האנט —
וואוהין?...
איך הויב די אויגען צו דעם הימעל אויף —
— אהין...
פאטשט דאס קינד די הענט פאר פרייד:
— אלע, אלע, אלע, געהען מיר אהין...

איך בין א גאסט

איך בין א גאסט
געקומען אויף א ווייל און קעהר שוין באלד צוריק...
מיט ליעבע פאלט אויף אלעם און אויף אלעמען מיין בליס —
דער בליק פון גאסט...

און פיהרט די וועלט
זיך יושר'דיג צי ניט, די מענשען שלעכט צי גוט,
איך זעה און הער. און אויף מיין ליפ א שמייכעל רוהט...
איך בין א גאסט...

מנחם

דער ליימענער גולם.

אין מיטען גאס, אין מיטען מארק
האָט מען פון שטיין און ליים א באַרג
א גולם אויסגעבויט.
מען האָט געפארבט איהם ווייס און גראָה,
מען האָט געפארבט איהם הימעל־בלאָה,
מען האָט געפארבט איהם רויט,
ביז ס'האָט א פארב א פארב פערוויִשט
און די קאָלירען אויסגעמישט
צום געלען ליים צוריק.
דאַן האָט מען צו די פיס און הענד,
צו פינגער, אָרעם, קניה און לענד
איהם צוגעבונדען שטריק —

און ווער ס'האָט געוואָלט האָט געצויגען א שטריקעל,
געטאנצט און גערופען צום גולם:
— אַט באלד — מיר פערכאַפּען פון שטריק נאָך א שטיקעל
איז אונזער דער ליימענער גולם.

אַט שטעהט ער אויף זיין הויכען אָרט,
מיט שטריימעל, פּאות און אַ באָרד,
אין טלית איינגעדעקט,
דער שפּיץ פון באָרד ארויף געווענדט,
און די צונויפגעלעגטע הענד
צום הימעל אויסגעשטרעקט.

אַט שערט מען איהם די פּאות אָפּ,
מען פּאַסט אריין אין הוט זיין קאָפּ,
די אַקסעל אין אַ ראָק,
אַ שווארצען שניפּסעל צום פּאַסאַן,
ביים זייט אַ הימעל־בלויע פאָהן,
אין האנד — אַ וואנדער־שטאָק,

און ווער עס פערכאַפּט איהם דער ערשטער — דער ליארימט
מיט שמחה ארוים צו דעם עולם:
עס האָט זיך זיין הארץ שוין אין לעבען דערוואַרימט,
זאָל לעבען דער ליימענער גולם!

דאַן קומט אַ מחנה זיך צונויף,
מען ציהט די אַרבעל איהם ארויף,
ביז אַקסעל־ביין ענטבלויזט,
אין האנד אַ פאָהן פון רויטען בראַנד,
און פון דער צווייטער פרייער האנד
צונויפגעדריקט אַ פויסט,
ביז פון אַ ווינקעל ערגעץ־וואו
אַ נייע מחנה רוקט זיך צו
צו זיי מיט אַ געשריי,
און צו דער ברעניג־רויטער פאָהן

א צוקער־ווייסע קניפּט מען אָן —
איז — פּאַכט ער שוין מיט צוויי.

און ווי נאָר די פאָהנען פון ליארימען וועהען,
דאַן שרייט מען ארוים צו דעם עולם:
— ער געהט שוין די זוימען פון פייער פערזעהען —
זאָל לעבען דער ליימענער גולם!

דאַן קומען אָן פון וואו א לאַנד
מיט בונטען פאָהנען אין דער האַנד
געטרייע אַלערליי,
מיט לייב און אָדלער, וואָלף און בער
אין שילד פון קרייציגען געווער,
וואָס פלאַטערען פון זיי,
און ווער עס וויל — דער קניפּט איהם אָן
זיין לייב און אָדלער אויפ׳ן פאָהן
און לאָזט עס העכער וועהן,
ביז אין דער דעק פון פאָהן און שילד,
ווערט ער אינגאַנצען איינגעהילט,
ווי ס׳וואָלט ניט ער געוועזן.

און ווי נאָר א ווינטעל צופּאַכעט די פאָהנען
לויפט יעדערער נעהנטער צום עולם,
דאָס געהט ער די קריוודעס פון פאָטערלאַנד מאָהנען —
זאָל לעבען דער ליימענער גולם!

אין מיטען גאַס, אין מיטען מאַרק
האָט מען פון שטיין און ליים א באַרג

א גולם אויסגעבויט,
ווער ס׳קומט אפריהער קליידט איהם אן,
און שטעקט אין האנד אריין זיין פאהן,
צי ווייס. צי בלוי, צי רויט,
ווער ס׳קומט דערנאך — דעם ערשטענס רייסט,
איז הענגט עס פון איהם שטיקערווייז,
פון פאהנען, קלייד און שיך,
און אויב ס׳פערבלייבט א גאנצער פאס,
דאן קומען איינגלאך פון דער גאס
און רייסען עס פאר זיך —

און די וואס פערנייהען מיט לאטעס די לעכער,
זיי רייסען זיך נעהנטער צום עולם,
און יעדערער מיהט זיך צו שרייען אלץ העכער:
ס׳איז אונזער לייטמענער גולם.

ניסענזאָן א.



א. ניסענזאָן

ניו יאָרק

ריזיגע טורעמס און הימלען פון רויך,
טומעל פון ווילדע טראַמווייען,
שטיינער, וואָס זענען צולייגט דאָ אין גאַס,
גלייך מיט די מענשען זיי שרייען,

פייערען דאָרטען און פייערען דאָ,
אומעטום פייער און פייער:
האַרט ביי דעם ברעג פון דער שטאָדט ליגט דער ים,
פונקט ווי אַ הונט אַ געשרייער.

געשטאַנען איז דער אַמבולאַנס

געשטאַנען איז דער אַמבולאַנס ביי'ם טראָטואַר:
צוויי מענשען האָבען אין אַ בעטעל קאַלטערהייט אַרויסגעטראָגען
אַן אומבעקאַנטען, און איהם שטיל אַריינגעלייגט אין וואָגען.
די רעדער גומענע אָוועקגעקייקעלט האָבען זיך אויף דער ערד,
און ס'האָט קיין מענש אפילו ניט געוואוסט וואָס ס'האָט געטראָפען:
עס זיינען גאַס און מענש אין מילדער, שטילער רוהיגקייט געשלאָפען
און לאַנג געשטאַנען איז די גוירם ביי'ם טיר אַזוי פאַרקלערט.


קיסין י

קיסין

אין הערבסט

ס'וועט אין דיין וועג נאָך אויפגעהן ניט איין ליכט,
און רוהען וועלען ווען די מידע גלידער,
ס'וועט ניט איינמאָל פון וואונדערליכע ליעדער
דיין הארץ זיין פול און לויכטען דיין געזיכט.

דו וואָלסט געקענט א מידער טון דיין פליכט
און אין דיין היימאט אומקערען זיך ווידער.
דו וואָלסט געקענט פארבארגען צווישען ברידער
דיין שווערען קאָפּ פון שרעקליכען געריכט.

דו וואָלסט געקענט א ליעבען הארץ פארטרויען
דעם טרויער פון א שעהנער ווייסטער וועלט, —
איז דיר דער וועג צו יענעם הארץ פארשטעלט.

דו וואָלסט געקענט דיין קעניגרייך דיר בויען, —
נאָר איבריג איז דיר אַלץ וואָס דו ערווערבסט,
ווען ס'קלינגט אַרום דיר און אין דיר דער הערבסט.

לילית

זי האָט קיין היים ניט, ווי אין פעלד דער ווינט,
פון זינט זי איז פאַרטריבען פון גן־עדן.
זי קומט אין שלאָף צום אונשולדיגען קינד,
און ס'שמייכעלט דאַן דאָס קינד און הערט זי רעדען.

און ווייִנט דער ווינט ווען, און די נאַכט איז בלינד,
דאַן בענקען מיר נאָך אונבעקאַנטע פריידען.
זי איז דער פיינד פון זעטיגענדער זינד,
זי ברענגט אונז טויט און לייטערענדע ליידען.

נאָר דער, וואָס גערט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען
אין ליכט פון טאָג, ווען זעהן זי אויפ'ן וואָהר,
די וואונדערשעהנע צויבעריין פון נאַכט.

זי וועט מיט ליעבע ווען צו איהם זיך בויגען,
צוואוואַרפען איהרע לאַנגע, לאַנגע האָר,
און ער וועט זעהן די קעניגין פון נאַכט.

דער וועג

„פון חלום צו חלום"
ד'אַנונציאָ: „זיגזאַגען"

דער באַרג נאָך זיין קאָפּ אין די וואָלקענס פאַרבאָרגט —
אַלץ העכער און העכער און העכער.
אַרויף גערט אַ ריטער פאַרשטויבט און פאַרזאָרגט,
ער זוכט דעם פאַרבאָרגענעם בעכער.

נאַר שטורעמס אַנטקעגנען איהם שיקט ריבעצאָהל,
אין פינסטערניש לעשט זיך אַ שטראָהל נאָך אַ שטראָהל.
פאַרלאָרען — פאַרגעסען דיר הייליגער גראָל —
און מיד ווערט דער מוטיגער ריטער.

אַ טאָל פאַר איהם עפענט זיך שאָטענדיג גרין —
אַלץ טיפער און טיפער און טיפער,
מיט פעדעם פאַרבאָרגענע ציהט איהם אהין
דאָס ליכט פון דעם ווייטען לוציפער.

פון טאָג ווייך דעם טאָל האָבען שאָטענס פאַרשטעלט,
און ס'בויגען זיך פרידליך געצעלט צו געצעלט, —
אין יענער געבענשטער, האַלב-ליכטיגער וועלט
וועט רוהען דער מוטיגער ריטער.

ווען ס'פאַלט דער ערשטער שניי

דער ערשטער שניי וועט בלייבען אייביג ניי פאַר דיר.
דו שטעהסט ביים פענסטער, טוסט זיך ניט קיין ריהר
דער נעבעל איז געדיכט, די לופט איז קאַלט,
אהן אויפהער שווערער שניי פון גרויען הימעל פאַלט,
דו ווערסט אַליין זיך פרעמד אזוי און אַלט.
דו ווייסט, עס וועט דער שניי ניט אייביג פאַלען,
ווייל אייביג איז דאָך נאַר די אייביגקייט אַליין.
באַלד וועט די זון אין בלויען הימעל שטעהן
און וואַרפען איהרע קרענקליך-בלייכע, קרומע שטראַלען
אויף הויז און בוים, וואָס שטעהען איינגעהילט אין ווייסע קיט...

און איילען וועלען קינדער מיט א יובעל שאַלען,
צו יעדען בערגעל, וואו מען קען זיך שליטלען.
און פויגלען וועלען אומפליהען פארלאָרען.
נאָר דו ביזט ביי דעם ערשטען שניי ווי ניי געבאָרען.
דו ווייסט, ער קומט און אין זיין צייט פארגעהט,
דו ווייסט, ער וועט נאָך אייביג קומען ווידער,
און דאָך ביזטו פאר איהם קיינמאָל ניט גרייט —
אזוי קומט אויך דער טויט.

פאראַנגען אַלטע, וואונדערליכע לידער,
דו טראָגסט זיי פון דיין קינדהייט אין דיין וויטען וועג,
אין פינסטערניש פארשווינדען דיינע גרויע טעג,
נאָר אינגער, רייצענדער און ליעבער ווערען יענע לידער.
און גוט איז צו דערמאָהנען זיך אָן זיי,
ווען ס'פאַלט דער ערשטער שניי.

ניו יאָרק

א. ערשטע, וואונדערליכסטע צווישען שטעדט!
דו הערשסט מיט דיינע באַהנען און פאַבריקען
און מויערען, טונעלען, שיפען, בריקען,
דיין אָטעם — דאַמף און עלעקטריציטעט.

דו ציהסט און ציהסט צו זיך ווי א מאַגנעט,
און זויגסט ווי א וואַמפיר מיט דיינע בליקען.
בלייך ווי דיין הימעל, פליסט פארביי פאַבריקען
און מויערען דיין האַדסאָן אין זיין בעט.

ווי וואונדערליך דיין צויבער און באַרוישונג!
ווי בלינד דיין טאָג אויף דיין שטאָל־האַרטער ברוסט!
ווי העל דיין נאַכט! ווי אונגעצוימט דיין לוסט!

ווי טיף דיין תּהום פון טרויער און ענטוישונג!
ווי שעהן דיין הערבסט, ווען הויך און פאַרבענרייך
די פּאַליסאַדען דרימלען אויף דיין טייך!

דאָס ליעד פון טויט

קומט אַלע טרייסטלאָזע צו מיר —
איך וועל ערלייזען אייך.
פאַראורטיילטע, געקרייציגטע —
איך וועל ערלייזען אייך.
קומט, ווער ס'וואַלגערט זיך אין שטויב,
קומט, ווער בלינד איז, שטום און טויב.
כ'בין דער סוף, פון אַלץ דער סוף.
כ'ברענג פאַרגעסענהייט און שלאָף.
צווישען זינגער און באַזיגטען,
און פאַרלירער און באַגליקטען
ברענג איך מחילה, מאַך איך שלום
דורך אַ צויבערליכען חלום.
קומט אין מיינע אָרעמס, קומט:

ראָזענפֿעלד מאָריס

ראָלניק יוסף



מאריס ראָזענפֿעלד

וואָלט וויטמאַן

אָ, דו, אין וועמעס שטאַרקער זינגער־ברוסט
עס האָבען זיך צוויי אָבגרונדען פאַראייניגט:
די טיפקייט פון פאַרקלערטען הימעל און
די שטיל פאַרוויגטע טיפקייט פון דער ערד;
אין וועמעס הארץ עס האָט געשיינט די זון,
און די לבנה, וואו עס האָבען העל געגלאַנצט
די שטערען, גאַנצע וועלטען אָהן א צאָל,
אין וועמעס הארץ עס האָט געגרינט דער מאַי
און וואו דעם דונערס ברום האָט זיך צומישט
מיט דעם געטשוויטשער פון דער נאַכטיגאַל;
אין וועמעס וואונדער שטאַרקען ליעד מען פיהלט
די אַלמאַכט און די קראַפט פון דער נאַטור,
פראַפעט, אונשטערבליכער, איך גיב דיר לויב,
איך פאַל אין שטויב איצט פאַר דיין שטויב און זינג.

פון ישעיה

ווערט שטאַרק, איהר שוואַכע הענד, איהר מידע גלידער!
איהר קניען שטרויכלענדע, ווערט קרעפטיג ווידער!
זעהט, אייער גאָט! ער קומט, ער טרעט דורך וועלטען,
זיך רעכענען, אייך העלפען און פארגעלטען.
אַ, דאַמאָלט וועלען עפענען זיך אויגען,
וואָס זיינען יאָהרענלאַנג געווען פארצויגען,
און די פארשטאָפּטע אויערען אָפען ווערען;
די בלינדע וועלען זעהן, די טויבע הערען.
דער לאָמער, ווי אַ הירש וועט דאַמאָלס שפּרינגען,
דער צונג פון שטומען, זיסע לידער זינגען.
און קוואַלען אין די וויסטע טריקעני׳שען.
און קוואַלען אין די וויסטע טריקעני׳שען.

זונענליכט און לערכע קלאַנג.

זונענליכט און לערכע־קלאַנג
פאַלען פון דער הויך צוזאַמען,
עס צוגיסען זיך אין פלאַמען
שטראַהל און פריהלינג און געזאַנג.

גאָלד און טרעלען טונקען איין
אין אַ וואונדער־ים פון כשוף
דעם באַבלומטען פלאַנצען־ישוב,
און עס שמעקען מירט און וויין.

אין זיין האַנד

בעקימערט און צוטראָגען בלייב איך שטעהן,
וואו אַלע וועגען טיילען זיך פאַנאַנדער
פון אויבען הער איך שרייט אַ שטימע: „וואַנדער!“
דאַך, גרויסער גאָט, איך וויים ניט וואו צו געהן!

עס קלאַפּט דאַס הארץ פאַר אויפרעגונג און שרעק,
פאַר גרויל און צווייפעל געהן אוים די קרעפטען,
די מידע פים צום קאַלטען באָדען העפטען,
נאָר די געדאַנקען שוועבען ווייט אַוועק.

איך פאַלג דיך, מיין געביטער און מיין האַר:
איך געה, וויל איך קען לענגער שטעהן ניט בלייבען,
דו וועסט געווים מיך ניט אין אונגליק טרייבען,
ניט לענקען מיינע טריט מיר צו געפאַהר.

יוסף ראָלניק

אין ביבליאָטעק

אַ בוך אין האַנט ; פון ראַדיאַטאָר
דער דאַמף־הויך אויף די ברעמען ליגט ;
אַ לייכטער טראַב פון גאַס דערטראָגט זיך ;
עס שלעפערט מיך ; בין האַלב פאַרוויגט.

עס שלעפערט מיך. ווי דורך אַ לייווענט
איינטאָניג טריפען ווערטער, רייד —
אַ בחור חזר'ט די „גראַמאַטיק"
און זשומט פאַר זיך אַלץ שטילערהייט.

עס שלעפערט מיך. אַן אָפּגעצעהרטע
פון פענסטער קוקט אַריין די גאַס.
די קינדער'ס גרילצענדע געשרייען
פאַרנעבלען זיך, אַ ווייך, אַ בלאַס.

און האַלבע טענער, בלייכע פאַרבען
פאַרוויקלען מיך אין טרוים און רויך.
אַ בוך אין האַנט ; די קולות שטאַרבען,
אַ ווייט, אַ נעבעלדיג, אַ ווייך...

דער עקאָנאָם.

אויפ'ן הינטער־הויף — דער עקאָנאָם
מיט אויגען אויפגעפלאַמט און גרויס
און ציטערדיגע קני, שטעהט אָנגעבויגען
צו אַ מעקלערינס צושפּרייטען שויס.

ער אָטעמט אָבגעהאַקט; ער גיט
אַ קניפּ דער מיידעל אין אַ ווייכען אָרט
און זאָגט אַ צווייטער, גאָר ניט נאָך זיין ווירדע,
אַן אומגעלומפּערטען פאַרשייטען וואָרט.

און צו דער ווייטער, בלויער סקירדע
גיט זיך זיין האַרץ אַ בויג, אַ ריס...
די שיקסעס לאַכען זיצענדיגע
מיט ברייט צושפּרייטע פיס.

דער לעצטער פערדינאַנד

פערדינאַנד, דער לעצטער הערשער,
קעניג איז — ביים טיטעל נור,
אַלע אוצרות אויסגעלעדיגט,
פון זיין חיל — מעהר קיין שפור.

און דערווייל פון אַלע זייטען
רייסען שכנים זיך צום קריג.
יונגע פעלקער — שאַנד און חרפּה —
ס'גלוסט זיך זיי אַ לייכטער זיג.

און זיי רוקען אַפּ דעם גרענעץ,
רייסען פּאַסען פון זיין לאַנד. —
אין זיין שלאָפצימער, דער קעניג
שטעהט און מאָהלט וואָס אויף דער וואַנד.

אויף די בלייכע ווענט פון חדר
שטעלט ער גאַנצע מחנות אויס;
קיראַסירען און הוזאַרען
רייטען פּאָלקען־ווייז פאַראויס.

הינטער זיי א וועלט פון שפּיזען
אין דער ברייטער ווייטקייט בליצט, —
דאָס רוקט זיך די אינפאַנטעריע
פון קאַנאָנען־חיל געשיצט.

זעכציג גענעראַלען ציהען
מיט דעם חיל אין דער שלאַכט.
איבער אַלע שטעהט דער קעניג
פערדינאַנד — די העכסטע מאַכט...

וואונדערבאַרע פּאָזיציאָנען
שאַפט ער אין איין אויגענבליק;
און דער שונא איז צושלאָגען,
און דאָס לאַנד איז פריי צוריק.

נאָך דער שלאַכט צעהלט ער די העלדען...
עס פאַרדריסט איהר נאַר: צופיעל...
און די לעבעדיגע געבען
הייסט ער גאָלד און זילבער פיעל.

רופט איין אַלטען גענעראַל צו,
רייכט איהם קעניגליך די האַנד;
טוט אַ צווייטען אָן אַן אָרדען,
„אננאַ” אויף אַ רויטען באַנד.

הונדערט נייע שטעדט און לענדער
ברענגען ציגזען צו זיין טראָן;
פאַר די אַלטע און אלמנות
וועט דערפון געהן אַ פענסיאָן.

נאָר אזוי ווי שטעדט און פאָלקען
איז געמאָהלעכץ אויף די וועגט,
מוז ער זיך אַליין באַדאַנקען,
דריקען זיך אַליין די הענט.

* * *

נאַכט־איין־נאַכט אזוי כסדר,
יאָהרען לאַנגע נאָכאַנאַנד,
פיהרט צום קריג און זיג די מחנות
ער, דער לעצטער פערדינאַנד.

און ער ווייס ניט, אז פארטיליגט
איז אַלץ, ביז דער לעצטער מויז;
אז זיין קעניגליכער טורעם
איז אַ משוגעים־הויז.

דעם צדיק'ס וועגען זיינען זיכער...

דעם צדיק'ס וועגען זיינען זיכער,
דער רשע שטרויכעלט נאָכאַנאַנד:
ווי וועלען, אונטער איהם זיך וויגען
די בערגלעך און דאָס פלאַכע לאַנד.

דעם צדיק'ס שלאָף פארגעהט אין פרידען,
נאָר פול מיט שרעק דעם רשע'ס נאַכט:
ביים בעט צועפענט זיך אַן אַבגרונד;
ער ליגט די גאַנצע נאַכט און וואַכט...

און וואָס ער טהוט און ווי ער האַנדעלט,
איהם דוכט זיך אַלץ: ער האָט געגרייזט;
דעם צדיק'ס טראָט איז פעסט און זיכער —
ביים זייט א גוטער מלאך שפּרייזט.

אַ שליח וועט היינט צו דיר קומען...

אַ שליח וועט היינט צו דיר קומען,
דאָס האָב איך געשיקט איהם צו דיר;
ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות,—
פאַררינגעל פאַר איהם ניט די טיר.

ער ברענגט דיר אַ זאַק מיט מתנות,—
איך האָב זיי געזאַמעלט, געהיט;
ער וועט צו די פיס זיי דיר לייגען, —
פאַרשעהם מיין שליח כאָטש ניט.

די סומע פון לײדען...

די סומע פון לײדען איז גרעסער
אײדער די סומע פון גליק, —
אַזוי האָט געזאָגט אַ פילאָסאָף
מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק.

די כוואַליעס פון לײדען פארשװענקען
דעם קינדערשען אינזעל פון גליק;
פון אײניקעל ביז צו דעם זײדען
ציהט זיך פון לײדען אַ בריק.

די סומע פון לײדען איז גרעסער
אײדער די סומע פון גליק;
די כוואַליעס פון לײדען פארשלינגען
דעם קינדערשען אינזעל פון גליק.

דער תנא זאָגט...

דער תנא זאָגט: דער טאָג איז קורץ,
דער מדבר האָט קײן ברעג,
און װי דו זאָלסט ניט שפּרײזען שנעל —
װעסט שטאַרבען אויפ׳ן װעג.

און בלײבען װעט די שעהנע שטאָדט,
װאָס גלאַנצט אין װײטען רוים
פאַר דיר נאָר אַ פארפיהרעניש,
אַ ליגנערישער טרוים.

קרעשטשעניע.

טירען שרעקענדיג געשלאָסען,
פענסטער בלינד פארהאַנגען;
שטילע טריט און פרומע מינעס, —
היילינע געזאַנגען.

לאַנגזאַם האָט זיך די פּראָצעסיע
דורך דער גאַס געצויגען;
הענד פארלייגטע אויף די הערצער,
קעפּ אראָבגעבויגען.

טריט ביי טריט איז די פּראָצעסיע
ביז דעם טייך געגאַנגען.
ווייסער שניי און דאַרע בוימלעך, —
היילינע געזאַנגען.

ס'זינגט דער גלח, די דיאַקאָנען,
ס'טוט דאָס פאָלק זיך קניען.
פּלוצים האָט ווער אויסגעשאָסען —
ווייסע טויבען פליהען.

ווייסער שניי און ווייסע טענער —
אונשולד־ווייסע טויבען.
מענשען שטעהען שטיל באַצויבערט :—
אונשולד־ווייסער גלויבען...

וואָס איך האָב לאַנגע נעכט גערופען.

וואָס איך האָב לאַנגע נעכט גערופען
און מידע טעג אַרומגעזוכט —
הענגט איבער מיר. — עס בויגט דעם צווייגעל
די צייטיגע, די רייפע פרוכט.

זי ווינט זיך שווער. אַ קליינער ווינטעל
וועט וואַרפען זי צו מיינע פיס.
דאָך הענגען מיינע הענד פאַרגליווערט;
וואָס פעלט אַליין, דאָס איז ניט זיס.

און ווייטער מיינע אויגען זוכען
דורך מידע, זונענדיגע טעג.
וואָס איך וועל אין די טעג טון רופען —
ניט שיק מיר צו, גאָט, אויף מיין וועג.

אַ שוואַרצע נאַכט.

אַ שוואַרצע נאַכט. דער זייגער ווייזט
די צוועלפטע שעה, די האַלבע נאַכט.
איך ליג אין בעט, אין האַנד אַ בוך;
ביים בעט אַ טישעל מיט אַ לאָמפּ.
צופוסענס ליגט די גרויע קאַץ.
די גרויע קאַץ, זי איז שוין אַלט
אַזוי ווי איך און אפשר מעהר.
זי איז מיין פריינד, זי עסט פון האַנד
און דרעמעלט איין אפט אויף מיין שויס.

און אויף דער נאַכט, ווען ס'פינסטערט זיך,
זוכט זי פאַר'גנב'ט אויף מיין בעט
און לייגט צופוסענס זיך אוועק
ביי מיינע פיס און וואַרעמט זיי.
מיין פוס־זויל פּיהלט, ווי ס'בלאָזט זיך אויף
איהר קליינעם קעציש קערפּעריל
און פאַלט צוריק צונויף: מיר ווערט
אי גוט, אי אונהיימליך אזוי...

ווייס איז די ערד...

ווייס איז די ערד און געפראָרען,
עס ציהט זיך דער וועג ווי א שנור,
אַן איינציגער פלעק אויף דער ווייסקייט:
פאַר וויאָרסטען ווייט פויזעט א פוהר.

בלוי איז די לופט און דער הימעל;
אַן איינציגער פלעק אויף דאָס בלוי:
פון שניי האָט זיך פּלוצים דערהויבען
אין לופטען א גרוי־שוואַרצע קראָה.

שטיל דער פאַרפראָנער טייך איז,
און שטיל איז אויף בארג און אויף טאָל;
פון נאָהענטען דערפעל דערהערט זיך:
א מאַן שילט דאָס ווייב אויפ'ן קול.

פון דער סעריע „אַרום מיהל"

1.

אַ קלאָרער טאָג.

אַ קלאָרער טאָג. אין זונען־שיין
די קלויסטער־צלמים גלאַנצען;
און זונען־פלעקען אויף די ווענד,
די וויים־געפאַרבטע, טאַנצען.

עס קלאַפּען רעדער, הירזשען פערד,
עס קומען פוהרען, וועגען;
דער פויער פיהרט אין שטאָדט אריין
זיין אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגען.

זיי פיהרען קעלבער, היהנער, היי
און תבואה צו פאַרקויפען;
די שטאָדט־לייט וואַרטען שוין אויף זיי
ביי טירען און ביי הויפען.

2.

ביי יעדען טויער שטעהט אַ וואָג...

ביי יעדען טויער שטעהט אַ וואָג,
ביי יעדער וואָג — דריי אידען;
דער ערשטער כאַפּט דאָס פערד ביים צוים
און שלעפּט צו זיך צופרידען.

דער צווייטער עפּענט אויף דעם זאַק
און פּרואווט אַ ווייץ צוקייען;
דער דריטער לויפט צום שטאָדט־נגיד
אַ גמילת־חסד לייען.

די ווייבער האַנדלען אויך ניט שלעכט;
זיי קויפען וואָלוועל, טייער,
געקויפט האָט וועד אַ הוהן אויף שמאַלץ
און ווער אַ הוהן אויף אייער.

.3

און לאַנג האָט זיך...

און לאַנג האָט זיך דער וועגען־צוג
און אָהן אַ שיעור געצויגען.
דער הימעל הייגגט אי וויט אי ברייט;
עס בלענדט די זון די אויגען.

ער פיהרט אַ גוי אַ שוואַרצע רינד
ביים וואָגען אויף אַ שטריקעל.
אַ מעקלער קומט און שטעלט איהם אָפּ:
„וואָס ווילסטו פאַר'ן שטיקעל?"

ער טאַפּט די ראָזא אייטער אוים
און פרעגט איהם: „וויפיעל יאָהרען?"
„צעהל איבער" — ענטפערט אָב דער גוי —
„די קאַרבען אויפ'ן האָרן".

אין רעסטאָראַן

ס'איז גוט אין רעסטאָראַן צו זיצען
אַ שבת־נאַכט וואו ביי אַ וואַנד,
אַ פרעמדער ביי אַ לעצטען טישעל,
די ניט דערטרונק'נע גלאָז אין האַנד.

עס קלינגען גלעזער, גאָפּעל, מעסער,
עס קלינגט די טיר, דער רעגיסטער;
דער קעלנער אָנגעטון אין ווייסען,
מיט לייכטע טריט איילט הין און הער.

און מענשען געהען, מענשען קומען,
די גאַס־טיר קלינגעלט נאָכאַנאַנד;
און טישלעך ווערען פול און ליידיג, —
אַט קלייבט פון טיש צונויף אַ האַנד.

אַ מיידעל שטעלט זיך אויף צום שפּיגעל
באַטראַכט אַ ווײַלע איהר געזיכט.
און אַלץ פּאַסירט ווי אין אַ חלום
פאַרשלייערט, מילד און אומגעריכט.

די טיר שפּרינגט אויף, עס קומט צופלייצען
אַ קאַלטע כוואַליע פון דער גאַס;
אַ איד ברענגט צייטונגען אַ פּעקעל,
די ווערטער ערשט פון דרוק, נאָך נאַס.

עס פלאַטערען די נייע בויגענס
אַ סענט פאַלט הילכיג אויף דער ערד.

און ביי א דריטען טישעל — איינער
רעדט עפּעס אויפגערעגט און שווערט.

א בחור קומט צו צו מיין טישעל
און זעצט זיך ברייטלעך ביי מיין זייט;
דערצעהלט: עס גרינדעט זיך א צייטונג.
מיין קאָפּ איז טויזענט מיילען ווייט: —

איך זעה א מיהל. א פולע גוים;
צוויי שטיינער מאָהלען מעהל אויף ברויט;
א שורה אויפגעלייזטע זעקלעך;
ס'האלט יעדער גוי זיין זאק געגרייט.

דער טאטע געהט פאראויס. דער מילנער
נעהט הינטען מיט א מעסטעל נאך
און נעהמט פון יעדען זעקעל „מעסטעל" —
א גוטער אנהויב אויף דער וואָך.

דאָס לעבען קלאַפּט אין פּויקען...

דאָס לעבען קלאַפּט אין פּויקען,
דער טויט, ער פליסטערט שטיל;
דאָך ווען ס'לאַדט דער טויט איין,
דער געהט און טראַכט ניט פיעל;

דער לאָזט די טענץ און לאַמפּען
און פולע בעכער שטעהן,
און שווייגענדיג זיך זעגענט:
מען מוז, מען מוז דאָך געהן...

ראָלניק

מיינע ימ׳ען זיינען שטילע...

מיינע ימ׳ען זיינען שטילע,
מיינע שיפען געהען ווייט;
מיינע שיפען וועלען קומען
אין דער רעכטער צייט.

גאָט פיתרט זיי אויף שטילע וועגען —
גאָט ווייסט דאָך די וועגען גוט; —
וואָס־זשע האָב איך זיך צו זאָרגען,
ס׳וועט שוין אַלץ זיין גוט

פאַר אייך...

פאַר אייך די פופציג עהרען־לויפער,
דער ניט פערדינטער, הויכער לויב;
פאַר אייך די בלומען־ווייכע וועגען;
פאַר מיר — דער זאמדיג וועג, דער שטויב.

פאַר אייך די גרויסיגע חדרים,
מיט טישען, בעטען רייך געגרייט;
פאַר מיר — מיט בלוט באַשפּריצטע ליעדער,
פאַר מיר — אַ הינטער פאַרקאַן טויט.

פאַר אייך אַ לאַנגע קייט פון יאָהרען
און וואוילטאָג און צופרידענהייט;
פאַר מיר מיט בלוט באַשפּריצטע ליעדער;
פאַר מיר — וועה וויים... די אייביגקייט.

איך געה אין וועג...

איך געה אין וועג. אין מיינע אויגען
קוועלט אַן אַ טרער באַלד נאָך אַ טרער.
דער זאַמד אויף מיינע פיס איז שווער.
עס הענגט מיין קאָפּ אַראָבגעבויגען.

עס שיינט די זון; די לופט איז טרוקען,
נאָר פייכט דער זאַמד אויף מיינע פיס.
מיר איז אַי טרויעריג, אַי זיס...
און נאָכאַנאַנד די אַקסלען צוקען...

שוואַרץ י. י.

שטאָק פֿאָדעל



י. י. שוואַרץ

אַ שטילע פרייד ליגט...

אַ שטילע פרייד ליגט גאָלדיג אויף די פעלדער —
די טעג זיי זיינען אַזוי זוניג־ליכטיג.
פאַרנאַכטען — פורפורנע מיט טיפע הימלען —
די אַלטע פאַרם־הייזלעך אַזוי ציכטיג.

אין גאַרבען גאָלדנע טריקענט זיך די שפע
פון נייע פרישע שמעקעדיגע ברויטען.
עס טריקענען אין זון די געלע קירבעס,
און שוואַרצע טרויבען קרייזלען זיך אויף פלויטען.

די רויטע ווינטער־עפּעל אויף די ביימער
זיי לויכטען פריש־באַהויכט דער זון אַנטקעגען.
און ס׳ציהען זיך, פאַרדעקט מיט ברוינע בלעטער,
די אַלטע, רויטע, גרין־פאַרגראָזטע וועגען.

עס הויכט מיט פרישען ברויט, מיט וויין און עפּעל
און טרויריג־היימליך אַלטע ביימער זשומען.
און ס׳האָבען גאָלדיגע און שטילע פריידען
מיין טרויעריגעס האַרץ אַרומגענומען.

אין אַנהויב זיינען זיי געוועזען...

אין אנהויב זיינען זיי געוועזען לויטער, ווייס,
די רונדע שניי־קוגלען וואס אויפ'ן קוסט —
ווי ס'זיינען ווייס און רונד די ברוסטען פון דעם מיידעל,
וואס האט פון זינד נאך קיינמאל ניט געוואוסט.

דערנאך, אין אויגוסט, זיינען זיי געווארען ראז —
די זון האט היים געקושט זיי מיט איהר ליכט —
ווי עס איז ראזיג אין דער ערשטער ליעבע
דאס קלארע, צארטע מיידעלשע געזיכט.

און איצטער שטעהען זיי אין גאנצען דונקעל־ברוין,
און טרוימען ווייטער נאך פון ווייס און ראז:
זיי וויגען שטיל אין שטילען ליכט די ברוינע קעפ
אראבגעלאזען שווער צום געלען גראז.

די קינדער זיינען אַנגעלאָפען...

די קינדער זיינען אנגעלאפען פון דער גאס
מיט פייכטע לאקען און צובליצטע אויגען:
מיט זיי צוזאמען איז א גרויסע ליעבע פרייד
פון דרויסען אינ'ם צימער אנגעפליגען.

די בעקלעך גליהען ווי די עפעל קאלט און רויט,
די שטאלענע און בלאנקע גליטשער קלינגען.
געשווינדע פיסלעך טראמפלען אויפ'ן דיל,
איין קול'כעל וויל דאס צווייטע איבערזינגען.

עס שלאָגט מיט שטראָמען לעבען יונג און פריש —
אָט האָבען זיי אַרומגעכאַפּט דער מאַמען ;
איין קעפּעל טוליעט זיך צום צווייטען ווי אַ קראַנץ,
און אַלע ריידען, פלוידערען צוזאַמען.

אָקטאָבער

לעצטע ליכטיגע פריהמאָרגענס פון אָבשטאַרבענדען זומער...
ס'איז שטיל און קלאָר אַרום און שטיל און קלאָר איז אויפ'ן הארצען
עס אָטעמט איין די ברוסט דעם פרישען קאַלטען ריח
פון שוואַרצער ערד, וואָס איז מיט פּערלען־טוי באַשאָטען —
דעם ריח פון צופוילטען געלען גראָז און ביימער־פייכטקייט.
עס זינקען טיף די פיס אין קופּער־רויטע, בראָנזען־ברוינע בלעטער.
וואָס רוישען שטיל און זאָנפט צו ריטם פון דיין פוס־טראָט.
און קרומע, בלאַסע שטראַלען גלאַנצען אויף די שטילע בלעטער,
און פוילע בלעטער פלאַטערען און ציטערען אין לופטען —
און פאַלען אויף דיין קאָפּ, אויף דיינע שולטערען...

עס הייגנט די זון דאָ ערגעץ וואו אין וואַלד צווישען ביימער,
פאַרהילט אין מאַטע, ווייסע, נעבעלדיגע וואָלקען.
און קרומע, בלאַסע שטראַהלען גלאַנצען אויף די שטילע בלעטער,
פאַררויטלען מעהר די שפּיצען פון די רויט־געפלעקטע ביימער ;
בעראָזען העל די הייגלעך זשוראַווינעס, ווי קאָראַלען,
בעזעצט מיט טראָפּענס פּערלען פון באָגינען־טוי.

לעצטע ליכטיגע פריהמאָרגענס פון אָבשטאַרבענדען זומער...
ס'איז שטיל און גוט. ס'איז גוט צו געהן אַליין אין וועלדער.
דער וועהטאָג אין דיין האַרץ ווערט שטילער, זאַנפטער, דורכזיכטי
ווי דער פאַרבלאַסטער שטראַל, וואָס פאַלט אויף די פאַרוועלקטע
בלעטע

אויפ׳ן זילבערנעם שניי

אויפ׳ן זילבערנעם שניי פונ׳ם פארק
פאלט א שטראהליגער גרין־בלויער גלאנץ:
יעדער בוים מיט זיין שאטען ביים זייט,
יעדער צווייג איז פון בלומען א קראנץ.

אויפ׳ן זילבערנעם פארק שלאפט די נאכט,
שוועבט איהר רוהיגער אטעם אין לופט.
קלינגען שטילע א צווייג אן א צווייג,
ציהט פון סאסניגע נאדלען דער דופט.

אין דער זילבערנער שטילקייט פון פארק
הערט זיך נאר ווי עס פלאצט וואו דער אייז.
צווייג און בוים, נאכט און קלאנג און פערלאנג
שטעהען שטילע פערגליווערט אין ווייס.

די בלומען דופטען אזוי פריש

די בלומען דופטען אזוי פריש אין צימער
און בויגען זיך פון דער קריסטאלענער וואזע:
אזעלכע פרישע, לעבעדיגע, רויטע,
און ווייסע, סאמעטענע, בלאסע.

אין גאס איז ווינטער: ס׳שיט דער שניי,
פערדעקט מיט זילבער אלץ אין בלויען שימער:
עס שמעקט מיט שניי, מיט ערשטען שניי מיט פרישען, —
און דא איז אזוי ווארעם, ליעב אין צימער.

עס וויגען זיך פּאַמעליך די גאָרדינען,
עס וויגען זיך די שטייפע פרישע בלומען,
און זעה, אויף דיינע ווייסע באַקען זיינען
צוויי בליהענדיגע בלומען אויפגעקומען...

פראדעל שטאק

דו טראַגסט דאָס האַרץ

דו טראַגסט דאָס האַרץ אין דיינע שטילע אויגען
באַשטענדיג אום — אַז זאָלסט דערמאָנען מיך
אַן מיינע שווערע זינד, וואָס שטראָפען דיך,
און האָבען שוין דיין שטאָלצען קאָפּ געבויגען.

צי בין איך ווערט דען דיינע שטילע אויגען?
מיין זעעל איז אַזוי הונגעריג נאָך זינד,
און ס'וועט נישט איינער נאָך ווי דו אַציטר,
ארומגעהן מיט'ן קאָפּ אַראָבגעבויגען. —

און דו וועסט טיף אין דיר דעם צער באַהאַלטען
און שווייגען שטיל, און איידעל זיין און גוט,
ביז ער וועט אויסטרינקען דיר ס'גאַנצע בלוט.

און נעמען וועלקען אינ'ם האַרצען דעם קאַלטען. —
דו „איוב" מיט'ן קאָפּ אַראָבגעבויגען,
צי בין איך ווערט דען דיינע שטילע אויגען? —

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט — 3

אויערבאַך, אפרים — 15
געב. 1888

אייזלאַנד ראובן — 19
געב. 1884

אל. גוריה — 29
גבריאל גראַפשטיין, געב. 1885

אפּראַנעל, מ. — 33
דעב. 1917

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י. — 37
געב. 1891

בערגנער, א. — 40

גאָלד, הערמאַן — 43
געב. 1888

דילאָן, א. מ. — 49
געב. 1883

דראַפּקין, ציליע — 51
דעב. 1917

האַלפּערן, מ. ל. — 56
געב. 1886

וואַרשע משה — 61
געשטאָרבען אין עלטער פון 24 יאָהר אין 1912. אין 1913 זיינען ערשיענען זיינע איבערגעבליבענע שריפטען אונטערן נאָמען „וועגען פון א נשמה".

זייט

יהואש — — — — — — — — — — — — — — — — — — 67
נעב. 1870

יפה, יוסף — — — — — — — — — — — — — — — — — 71

לאנדוי, זישא — — — — — — — — — — — — — — — 75
נעב. 1889

לאפין, ב. — — — — — — — — — — — — — — — — 87
נעב. 1888

לודוויג, ראובן — — — — — — — — — — — — — — 90
נעב. 1895

לייוויק האלפער — — — — — — — — — — — — — 99
נעב. 1888

ליעסין, א. — — — — — — — — — — — — — — — — 111
א. וואלט, נעב. 1870

לעיעלעס. א. — — — — — — — — — — — — — — — 112
א. גלאנץ, נעב. 1889

מאני לייב — — — — — — — — — — — — — — — — 117
מאני לייב בראהינסקי. נעב. 1884

מילער, ל. — — — — — — — — — — — — — — — — 125
נעב. 1888

מנחם — — — — — — — — — — — — — — — — — — 128
נעב. 1888

ניסענזאן, א. — — — — — — — — — — — — — — — 135
נעב. 1897

קיסין, י. — — — — — — — — — — — — — — — — — 139
נעבארען אין 1886

ראזענפעלד, מארים — — — — — — — — — — — — 147
נעב. 1862

ראלניק, יוסף — — — — — — — — — — — — — — — 150
נעב. 1879

שווארץ, י. י. — — — — — — — — — — — — — — — 167
נעב. 1885

שטאק, פראדעל — — — — — — — — — — — — — — 172